ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# משלי חכמה

## מאבי ממשלי משלים

## המגיד מדובנא

במדבר

אידיש

**892**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשס"א לפ"ק

ספר המשל ב

# משלי חכמה

להבין על ידם באורי

## חמשה חומשי תורה והפטרות

ולאלף דעת מוסר ומדות ויראת אלהים.

נלקטו מספר

## אהל יעקב, וקול יעקב

להרב המאה"ג, גאון הדרשנים, אבי ממשלי משלים בחכמה ומוסר, צדיק מושל ביר"א
מהר"ר יעקב מ"מ מדובנא זצ"ל.

---

אין דיזען ספר זיינען מלוקט זעהר וואונדערליכע פירושים אונ באורים אויף חמשה חומשי תורה אונ אויף אלע הפטרות, מיט זעהר קלוגע אונ וויטציגע משלים, וועלכע עם לערנען אונז מדות טובות, מוסר אונ דרך ארץ. אלעס הערויס גענומען פון דיא הייליגע ספרים אהל יעקב אונ קול יעקב פון דעם בעריהמטען דובנער מגיד זכר צדיק לברכה, אונ איבער זעטצט אין יודיש־דייטש.

נלקט ונעתק בשפת יהודית־אשכנזית במצות והוצאת המדפיסים.

---

נאכדרוק פערבאטען

---

# ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם
שנת תר"ן לפ"ק

ГАМЕШОЛИМЪ.
Притчи.
Съ Виленскаго изданія 1883 г. безъ измѣненій.
1890.

# וידבר

יי אל משה במדבר סיני דער מדרש שרייבט בשלשה דברים נתנה תורה. באש. במים. במדבר. איז טייטש דיא תורה איז גיגעבין גיווארין דורך דרייא זאכין. אין פייער אז עס איז גישריבין והר סיני עשן כלו מפני אשר ירד עליו יי באש דער גאנצער בארג סיני האט גירויכערט ווייל גאט האט אראפ גינידערט אויף אים אין פייער. דורך וואסער וויא עס שטייט אין תהלים גם עבים נטפו מים אויך די וואלקינס האבן צו מתן תורה גיטריפט וואסר. אין מדבר היינו אין דער מדבר סיני. דאס ווייזט אזו גוט וויא דיא דאזיגע דרייא זאכין איז צו בעקומען אומזיסט אזו אויך דיא תורה הקדושה בעקומט מען אימער אומזיסט. דען אין ישעיה שטייט גיזאגט אויף די תורה הוי כל צמא לכו למים ווער נור דארשטיג איז גייט טרינקען צום וואסר. א״נ אין מדרש תנחומא ווערט גיבראכט נאך ראיה פון משלי קחו מוסרי ואל כסף דאס הייסט די תורה הקדושה בעט זיך בייא די לייטין נעמט מיין מוסר אונ איך פערלאנג קיין געלט ניט. דר ענין דר פון איז כדי צו בעטראכטן וויא נייטיג די היילגע תורה איז. דען זיא איז דער עיקר חיות צום גוף אונ צום נפש. דען דער רמב״ם ז״ל שרייבט אין זיין ספר מורה נבוכים (מאמר ג׳ פרק י״ב) אויך דר חסיד אין חובות הלבבות (שער הבחינה פרק ה׳) איין בחינה אונ איין כלל אויף דיא חסדים פון השי״ת. דען די זאך וואס איז זייער נייטיג צום לעבין פר בריאים האט דר בורא יתברך באשאפין גינוג אין דער וועלט אריבער אונ אריבער וואו נור מען גיט זיך אקער איז דאס דא אונ אויך אומזיסט אבער דאס וואס איז ניט אזו נייטיג גיפינט זיך שוין ווייטיגער. אונ אזו ווייטר מדריגות מדריגות ווייז. ביז לסוף דיא ענינים וועלכע אן זייא איז אויך רעכט אויס צו קומען ווייל זייא ווערין גיברויכט צום פערגעניגן אונ נור פון תענוג וועגין. זייא זיינען שוין גאר איינע זעלטינהייטין אונ עס קאסט גינוג טייער. צום בייא שפיל די לופט איז זייער נייטיג אלע וויילע מוז מען אטהעמען פון אויר ווען ניט איז אונמעגליך צו לעבין. דרום איז דר גאנצער חלל פון די וועלט פול מיט אויר. אבער וואסער ווייל עס איז ניט אזו נייטיג אז דער לופט דען עס קען אוועק גיין אפט שעות לאנג אונ מען טרינקט ניט איז שוין ווייניגער בעשאפין גיווארין. עסין ווארג וואס מען קען אויס קומען אן זייא נאך מעהר צייטן אז אן וואסר איז ווייניגער פאר האנדין פון זייא. די אלע אנטיקען אויך אלע מיני וויינען געפינען זיך נאך קנאפער. ביז לסוף די גאנץ טייערע וויינען זיינן גאר איינע פון די זעלטינהייטין קוים מען בעקומט זייא אונ עס קאסט זייער טייער דען זייא וואקסין זייער ווייניג אונ אין ווייטע מקומות. אבער בייא די תורה הקדושה שטייט שוין גישריבן אין פרשה נצבים לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וגו׳ כי קרוב אליך הדבר מאד וגו׳ כי הוא חייך כלומר ווייל זיא איז ניט ווייט פון דיר ניט אין הימיל אונ ניט מעבר לים נייערט וואו נור דו ווילסט קענסטו איר לערנן פר שטיין אונ אויך מקיים זיין גאר אום זיסט. דר פון איז איין קלארער בעווייז וויא נייטיג זיא איז פר דיר. זיא איז דיין גאנצר לעבין וויא דיא לופט צום אויס אטהעמען אונ איין אטהעמען. אונ אויב זיא זעט דיר אויס אלס שווער צו באקומען. גיוויס איז דער שולד פון דיין זייט וויא שלמה ע״ה זאגט את פני מבין חכמה ועיני כסיל בקצה הארץ דער מבין גיפינט חכמה וואו היין נור ער טוט זיך איין קער אונ דער נארין דוכט זיך עס איז גאר ווייט אין עק וועלט. היינו ער זאגט ווען איך וואלט גיהאט דארטין אונ דארטין גילערינט דארטין אונ דארטין גיוואוינט דאן

וואלט איך גילערינט אונ גיקענט. אונ בשעת ער קומט שוין אהין דוכט זיך אים ווידער אויף איין אנדער ארט. איצונד וועלין מיר לייכט פר שטיין אונזר מדרש בשלשה דברים כו׳ די תורה איז גיגעבן גיווארין מיט די זאכין וועלכע זייא זיינן דא אין דר וועלט גינוג אונ אלעס אומזיסט. היינו פייער וואסער אונ אויך אין דר מדבר וואס ער איז הפקר פאר אלעמען. כדי אונז צו מאכין לערנן דאס די תורה איז אויך זייער לייכט צו בעקומן אונ אומזיסט. ממילא איז דר פון צו פר שטיין וויא נייטיג זיא איז פר די קינדר ישראל דאס אין איר גיפינט זיך אלע חכמות ומדות והנהגות טובות אונ זאנדער איהר הייסט דאס גאר ניט גילעבט. ניט בעולם הזה אונ ניט בעולם הבא ח״ו. אז עס איז גישריבין דארטין אין פרשה נצבים לשמוע בקולו ולדבקה בו ווען דוא וועסט צו הערין אין דעם קול פון הקדוש ב״ה. דאס איז גימיינט לערנען אונ מקיים זיין זיין תורה וואס דורך דעם וועסטו ווערן באהעפט צו אים. וויא דר זוהר הקדוש שרייבט אורייתא וקוב״ה חד הוא דיא תורה מיט הקב״ה הייסט דאס איינס כי הוא חייך וארך ימיך דאן וועט ער זיין דיין לעבן אויף דר וועלט אונ דיין לאנג לעבן לעולם הבא ליום שכולו ארוך:

נאך אפשט במדבר סיני דער מדרש הייבט אן דרשנן מיט דעם פסוק המדבר הייתי לישראל אם ארץ מאפליה היינו איר האט זיך בייקלאגט למה העליתנו ממצרים ווארום האט מען אונז ארויס געפירט פון מצרים אין אזו איין וויסט מדבר נון האט אייך דען דארטן וואס גפעלט איך האב אייך גיגעבין משה אהרן ומרים דרייא גרויסע אונ וויכטיגע לייט זיי זאלן אייך גוט אויף פירען צו ליב זייער זכות האט איר גיהאט מן אויך ענני כבוד אונ וואסר. שטייט ווייטר אין פסוק מדוע אמרו עמי רדנו לא נבוא עוד אליך (רדנו איז וויא עס שטייט אין משנה הרודה ... ז התנור ווען מען קלעפט אפ אונ מען נעמט ארויס ברויט פון אויבן) דאס טייטש ווארום האבין מיין פאלק ישראל גיזאגט מיר זיינן שוין איין מאל אפ גיקלעפט גיווארן פון דיין אויבן דאס הייסט ירושלים אזו וויא עס איז גישריבן ותנור לו בירושלים אונ מיר זיינן פר טריבין גיווארן אין בבל דרום קענן מיר שוין מער ניט קומען צו דיר וויא אוים גיבאקענע ברויט קען מען שוין נאך אמאל ניט צו קלעפן צום אויבן. דעם נוטציגין מאמר וועלין מיר ערקלערן מיט אמשל. איין גיפעהרליכר חולה איז גיקומען ווינטער צייט צו איין דאקטער ער זאל אים געבין רפואות. דער דאקטער האט אבר אים בעטראכט דאס איצונד וועט אים גאר גישט ווירקין אונ זיין קוראציע מוז זיין אפ גיליגט אויף זומער צייט. נאר אבר ווייל דר קראנקער איז בייא זיך גיוועזן זייער גיפאלן אונ האט זיך זייער שטארק גישראקין האט ער אים גיגעבין כלומרשט רפואות ביטערליכע וואסער אונ האט אים מבטיח גיוועזן אז דאס וועט אים העלפין אונ אזו האט ער אים געצויגין ביז דיא רעכטע קור צייט. דאן האט ער אים אוים גיזאגט וויא קראנק ער איז אונ האט אים אן גיהייבין געבין אמתע רפואות זייער ביטערע אונ ער איז טאקע גיזונד גיווארין. דר ענין דר פון איז דאס. עס איז ידוע אז דער עיקר גאולה וועט זיין אין משיח צייטין אונ דאס קען אנדערש ניט גישעהען סיידין דורך פיל פורעניות אונ יסורים אזו וויא דיא גמרא שרייבט אין מסכת ברכות קיין מתנה טובה קען ניט גישעהען וואו מען זאל ניט ליידין אפריער יסורין. אונ יציאת מצרים איז נור גיוועזן כלומרשט איין רפואה אויף דר ווייליע כדי אידין זאלין ניט זיין בייא זיך גיפאלין. וויא מיר גיפינען אין פרשה שמות דאס צו משה רבינו ע״ה האט הקב״ה גיזאגט מיטין לשון אהיה אשר אהיה אזו וויא איך בין מיט די קינדער ישראל גיוועז אין גלות מצרים וועל איך מיט זייא זיין אין אנדערע גלותין אונ צו זייא האט ער אים גיהייסין זאגין אהיה שלחני אליכם היינו ער זאל דער מאנען נור פון גלות מצרים אונ ניט מגלה זיין פר זייא די קראנקייט

פון די שפעטרע גלותין וויא דיא חכמים ז"ל זאגין היה לצרה בשעתה גינוג פאר זייא וואס זייא ווערין ליידין אין דיא צייט ווען דיא צרה וועט קומען. אונ דאס איז אכלל אפרטיגע זאך מיט אלין למשל אלייטמענעם טאפ ווען זיא ווערט קיילע איז שווער צו פאר ריכטין. אבר אין מיטין דר ארבעט איז לייכט מתקן צו זיין. אז דר מדרש אין בראשית ברייננט אמעשה איין אפיקורוס וואס לייקינט אין תחית המתים האט גיזאגט צו רבי יוסי צוא בראכענע שערבליך קען מען דען באהעפטן צו זאמען דען אזו איז גישריבין אין תהלים כּכלי יוצר תנפצם וויא אכלי פון אטעפער וועסטו זייא פר שפרייטין. האט ער אים גיענטפערט שטייט דען ככלי חרש וויא איין לייםענע כלי. נייערט ככלי יוצר אטאפ ביא דעם טעפער אין האנט בעפאר עס איז אויס גיברענט אפילו עס ווערט צו בראכין קען ער גאנץ מאכין אז דר פסוק זאגט אין ירמיה ונשחת הכלי אשר הוא עושה ושב ויעשהו וגו' הכיוצר הזה לא אוכל לעשות לכם בית ישראל דאס גלייכין דיא ישראל האבין גימיינט אז יציאת מצרים אונ די ירושה פון ארץ ישראל איז שוין גאר דר פארטיגר גליק אונ דיא יסורים הייסט וואס זייא האבין זיך פערציג יאר ארום גיוואלגערט אין דר מדבר. אונ דרום וויא נאך דעם חורבן אז דער גליק איז צוא בראכין גיווארין האבן זייא גיזאגט רדנו לא נבוא וגו' היינו מיר זיינן שוין פר פאלין ח"ו וייל מיר זיינען גיגליכין וויא פארטיגע ברויט פון אויבין וועלכע מען קען שוין מער ניט צו קלעפין. אונ השי"ת זאגט צו זייא נייין המדבר הייתי לישראל וגו' כלומר האט איר דען עטוואס שלעכטעם גיליטין אין דר מדבר אז דאס זאל זיך רעכענען וויא פורעניות אונ יסורים פר די גאולה שלימה. איר האט דאך אדרבה דארטין גיהאט כל טוב אונ אייער פארזאמען אין דער מדבר איז נור גיוועזין כלומערסט ביטערע מעדעצינען כדי איר זאלט מיינען אז דאמיט וועט איר גיזונט ווערין. אבער דער עיקר קוראציע אייערע וועט זיין באחרית הימים אונ דרום דאמאלס וועט איר טאקע גיענטפערט ווערין מיט איין אייביגע אונ איין אמתע רפואה וגאולה שלימה אמן כן יהי רצון:

# הפטרת במדבר

והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי. דאס טייטש דר צאל פון דיא ישראל וועט זיין וויא דיא זאמד פון ים וואס קען ניט גימאסטן אונ גיצײלט ווערן אונ אין דעם ארט וואס עס ווערט גיזאגט צו זייא איר זייט ניט מיין פאלק וועט צו זייא גיזאגט ווערן איר זייט דיא קינדער פון דעם לעבעדיגן גאט. אין דעם פסוק איז דא צו פרעגן צווייא שאלות. ערשטינס פאר דעם שטייט כי אתם לא עמי וגו' היינו הקב"ה רעט צו זייא פורעניות איר זייט ניט מיין פאלק אונ איך וועל שוין מער ניט זיין צו אייך. אונ תיכף אין מיטין הייבט ער אן צוריק מיט נחמה והיה מספר וגו'. צווייטינס איז צו פרעגין וואס די גמרא פרעגט אין מסכת יומא דאס דער פסוק איז זיך אליין סותר. עס שטייט והיה מספר אידין וועט מען יוא קענען איבער ציילן אונ באלד איז גישריבין אשר לא ימד ולא יספר מען וועט זייא ניט קענען איבער ציילין. דר תירוץ ווערט רעכט מיט אמשל. איינער איין מופלג אין תורה אונ חכמה איין מושלם בכל המעלות האט גיהאט אזון אויך אלמדן אונ ניט קיין נאר. נאר אנטקעגין דיא גדלות פון פאטער איז ער גיוועזין ביא אלעמען גיאכט כלא אפילו ביא זיין פאטער זעלבסט. וואס האט דער פאטער זיך מיישב גיוועזין ער האט אים גימאכט איין ארט צו וואוינען גאנץ ווייט פון אים אין איין קליין שטעטיל דורך אויס פראסטע מענטשין. נון אנטקעגין זייא איז ער שוין גירעכינט גיוועזין פר איין גדול איין לאנד חכם אונ איז גיווארן ביא זייא איין גרויסער נכבד וחשוב. דר נמשל איז אזו. אין ארץ ישראל אונ ארום בית המקדש דארטין האבן מיר גיהאט פאר זיך פיל קדושה די שכינה פון הקב"ה מיט נבואה דאס הייסט ביא דעם פאטער אויפן טיש. דארטין וויא מיר זיינן עפיס ניט אזו גוט אונ פרום גיוועזין איז שוין גיווארין אפנים אויף אונזר נפש. דען מיר האבין קיין צורה ניט גיהאט אנטקעגין פאטער

דרום האט הקב"ה אונז פר טריבין צווישין דיא ווילדע כשדים . מדיים . פרסים וועלכע זייא זיינן גיוועזין אונגוויסענדע אונ פאר דארבענע לייטן . נוא אנטקעגן זיי זיינן מיר שוין גיווארן גרויסע חשובים בייא אונזר פאטר השי"ת אונ אויך בייא די אומות זעלבסט . וויא מיר גיפינן דניאל.מרדכי.זיינן גיווארן בייא זייא די גרעסטע מיניסטארין . אגב האט זיך פון זייא אן גיהויבן בילדין דיא וועלט מיט איין ריינעם גלויבין אונ פיל ידיעות אונ דער פון איז ארויס גיקומען פיל טובות פר אידין אויך וויא עס איז באוואוסט . איצונד וועט שוין האבין אהמשך דיא ביידע פסוקים . היינו אז זייא זיינן גיווארן זינדיג האט גאט גיזאגט רוף אים לא עמי וגו' דען איר זייט ניט מיין פאלק אונ איך וועל שוין ניט וואונען מיט אייך צו זאמן דאס הייסט איר וועט פר טריבין ווערין אין גלות . וועט זיין די פעולה והיה מספר וגו' ולא יספר פון דעם קליינעם צאל מעלות אייערע וועט בייא דיא אומות ווערין גירעכינט אזו פיל דאס מען וועט ניט קענן איבר ציילן . והיה במקום וגו' אויך אנשטאט וואס אין יענעם ארט היינו אין ארץ ישראל האט הקב"ה אויף אייך גיזאגט לא עמי אתם איר זייט ניט מיין פאלק וועט איר דורך דעם איצונד בייא אים גופא חשוב ווערין אונ ווערן גירופין בני אל חי . נאך איין פשט אויף והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי ווערט ערקלערט מיט איין משל . אין איין שטאט האבן גיוואוינט צווייא בעלי בתים . איינער אבעריסטער מכנים אורח אונ דר אנדרער אגרויסער קמצן . אמאל אז מען האט בגנבת דעם אוצר פון רופא האט מען נאכהער איין גנב גיפונען באהאלטן בייא דעם בעל צדקה אין שטוב . אונ דעם צווייטין בייא דעם דאזיגן קארגין . האט דער שר אים זייער שטארק באשטראפט דען געווים האט ער אויך גיוואוסט פון די גניבה ווען ניט וואלט ער דעם גנב אין שטוב ניט אריין גילאזן ווייל פון אטובה אונ חסד ווייס ער דאך גאר ניט צו טאן . אונ דעם גוטין מאן האט ער באפרייעט ווייל זיין הויז איז אפין פר אלעמען געווים איז זיין כוונה גיוועזן נור אויף גוטעס ניט אויף שלעכטעס דען ער האט גימיינט אויף דעם גנב אז ער איז איין ערליכער מאן דרום האט ער אים מקרב גיוועזן דען עס איז שווער צו דר קענן פון איין ערליכן ביז איין אונערליכען מאן . דר נמשל איז דאס . דער מדרש אין שמות רבה שרייבט אזו בנזמים חטאו ובנזמים נתרצה להם מיט אוירינגלאך (וועלכע זייא האבין גיגעבין צו דעם עגל) האבין זייא גיזינדיגט אנטקעגין גאט אונ מיט אוירינגלאך (וואס זייא האבן מתנדב גיוועזן צום משכן) איז ער צו זיי באוויליגט גיווארן אונ דר רוח הקודש שרייט והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי . דר מיין פון דעם מדרש איז וויא דער ספר הכוזרי שרייבט אין (מאמר א') דאס דעם עגל האבן זייא גימאכט פון גאטש וועגין אונ זייער טעות איז באשטאנען דערין . זייא האבן גירעכינט אז דר כבוד פון השי"ת רועט נור אין גשמיות זאכין אונ אז דאס וועלין זייא האבן פאר זיך דאן וועט זיין אפעולה צו אהבה אונ יראת שמים אונ דרום האבין זייא גיזאגט עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו ווייל זייא האבן קיין באגריף נאך ניט גיהאט ריכטיג מיטין שכל משיג צו זיין וויא מעגליך דאס איז עס זאל זיין די השגחה אלהית פון הוילע רוחניות אן איין שום חומר . אונ דאס איז קיין חידוש גיוועזן אין יענער דונקעלע צייט בעת אז די גאנצע וועלט זיינען נאך גיוועזן דורך אוים נעמצין דינער וועלכע זייא האבן גידינט אימער צו צורות אונ בילדער וואס זייא האבן פאר פערטיגט פאר די עבודת כוכבים . וויא צום בייא שפיל מיט הונדערט יאר צוריק אז פון מאשינען האט מען דא נאך גאר נישט געוואוסט אונ איינער וואלט קומען דר ציילין אמעשה אז מען קען פארין אונ פירין זייער שנעל במה מיליאנען פוד משא אן אשום פערדעשען חומר נייערט מיט הוילע רוחניות . דאס הייסט מיט איין פארע לאקעמאטיף . נון וויא אוים געלאכט וואלט דאס יענער גיווארין אפילו זעלבסט פון קלוגע לייט מכל שכן פון דעם המון . נמצא איז דאס דער חילוק פון די ישראל ביז די עובדי כוכבים . דען זייא פלעגין מאכין צורות אונ בילדער דאמיט דינען צו די זון אדר צו די לבנה . אבר די קינדר ישראל ווען אפילו זייא האבין אמאל פאר זעהן אונ גימאכט איין בילד היינו דעם עגל האבין זייא אויך נאר גימיינט לשם שמים פון גאטס וועגין אונ דאס אויך האבין זייא מתקן גיוועזן מיטין משכן אום צו בעווייזין אז בייא דעם בורא יתברך איז ניט שייך קיין גוף אונ קיין משיגי

הגוף

הגוף ח"ו וויא עס איז שוין גירעט געווארין אין דעם ענין. דאס איז דר טיפער זינען פון אונזר מדרש בנזמים חטאו כו' כלומר דעם קלקול פון עגל האבין זייא פאר ריכט מיט זייער מאכין דעם משכן אונ דער רוח הקודש שרייעט והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם אין דעם זעלביגין ארט אפילו וואס ווערט גיזאגט צו זייא איר זייט ניט מיין פאלק (היינו בייא דעם חטא פון עגל) יאמר להם בני אל חי ווירד אויך גיזאגט צו זייא איר זייט דאך קינדר צו דעם לעבעדיגען גאט כלומר אייער כוונה איז נור גיוועזען לשם שמים אונ דרום איז מען אייך דן לכף זכות ווייל פון ביזעם ווייסט איר גאר נישט נייערט פון גוטעס:

## פרשת נשא

צו את בני ישראל וישלחו מן המחנה כל צרוע וגו' אין מדרש שטייט רבי יהודה הלוי בר שלום זאגט צרעת קומט איבר עלף זאכן. איינע פון זייא איז דר וואס איז מחלל דעם נאמן פון הקב"ה למשל גיחזי האט גישווארין חי יי' כי אם רצתי אחריו ולקחתי מאתו מאומה דאס טייטש אזו נאהר גאט לעבט דאס איך מוז לויפין נאך דעם נעמן אונ נעמן בייא אים וואס עס איז אונ אנשטאט וואס דער נביא אלישע האט בייא אים קיין זאך ניט גינומען פר דעם אויס היילין די צרעת כדי עס זאל זיין איין קידוש השם האט גיחזי יא גינומען אונ דורך דעם אן גימאכט אחילול השם. האט הקב"ה גיזאגט דוא האסט גיזאגט מאומה דר פאר ווערסטו צו נעמן מומו (זיין פעלער) אזו וויא עס שטייט דארטין אין פסוק וצרעת נעמן תדבק בך וגו' די צרעת פון דעם נעמן ווערט זיין באהעפט אן דיר. וויא אזו עס פאסט דר ווארט מומו צוא מאומה פאר שטייט זיך מיט איין משל. איין קינד האט דער זעהען בייא זיין פאטער איין פרעמדינס טייערין זייגער האט ער גיבעטין ער זאל דאס אים געבין אונ דר פאטער גיט אים ניט. האט דאס קינד זיך מישב גיוועזן איין המצאה אונ זאגט פאטער איך שווער בייא דיין לעבין אז דוא מוזט מיר געבין. דען ער האט גוט גיוואוסט אז דער פאטער ווערט וועלין דיא שבועה זאל מקוים ווערין. האט דר פאטער אים גיגעבין אפאטש אין באק. כלומר אט האב איך דיר וואס גיגעבין. כדי איך זאל ניט עובר זיין אויף דיין שבועה. דאס גלייכין דא גיחזי האט גישווארין בייא גאט חי יי' וגו' מאומה דאס ער מוז וואס עס איז נעמען פון נעמן. האט הקב"ה צו אים גיזאגט ווייל דוא האסט בייא מיר גישווארין אונ כדי מקיים צוא זיין דיין שבועה ווערסטו פון אים טאקי וואס עס איז נעמען אבער נור אפאטש היינו זיין מום דאס הייסט זיינע צרעת:

ואיש את קדשיו לו יהיו וגו' איש כי תשטה אשתו וגו' והביא אל הכהן. די גמרא אין מסכת ברכות שרייבט דרום שטייט דיא פרשה פון תרומה אונ מעשר בייא די פרשה פון אסוטה כדי צו ווייזין דער וואס גיט דאס ניט צום כהן ווערט זיין ווייב דר פאר אפ קערין פון אים אונ ער ווערט מוזין אן קומן צום כהן כדי ער זאל איר געבין טרינקען די מים המרים אום צו וויסין אויב דר חשד איז אמת אדער ניט. עס איז ידוע אז דר עונש פון הקב"ה איז תמיד מדה כנגד מדה. אם כן איז דא נייטיג צו פר שטיין וויא אזו עס קומט אויס דא דר עונש אויך מדה במדה. מיר וועלין דאס ערקלערין מיט אקלוגין משל. איינער אבארימטר חכם איז גיווארין ארעם. פלעגט ער ארום פארין אין דר וועלט אונ האט באוויזין וויכטיגע נייעס. אויך האט ער אויס גילערינט אנדרע וויא צו מאכין קינסטלעריא. אונ דר פון האט דער דאזיגר חכם זיך מפרנס גיוועזן בכבוד. אמאל איז ער פאר פארין אין אקליין שטעטיל פון אייטיל פראסטע אונוויסענדע לייטין דאס פון דעם נאמען פרשטאנד האבין זייא אויך גאר נישט גיוואוסט. האט ער אן גקלעפט צעטלאך אונ מודיע גיוועזן אז ער איז איין גרויסער זנאכער אויף סגולות. אפ שפרעכין איין עין הרע. פר ריידין ציינער אדר ארויז וכדומה. דאן האט ער קיין רוהע גיהאט פון פילע מענטשן וועלכע זיינען גיקומן פאדערן זיין

עצה אונ שפראבערייען. ווייל ער האט גוט פרשטאנן אז פון זיינע חכמות וועט ער קיין ברויט דא ניט האבין. ער האט ריכטיג גיקענט דעם גוסט פון דעם פראסטין המון עם דאס פון חכמות אונ וואס דער גראדער שכל ווייזט דר פון לויפן זייא גאר. זייא ווילן ניט הארכן ניט זעהן. אבר די מומחהרייא אונ לחשים דאס ציהט זייא צוא וויא אמאגנעט. איבר אזעלכע ענינים וועלן זייא אים עהרן אונ שעצין אונ חיות וועט ער פון זייא אויך האבן. דר ענין דר פון איז ריכטיג וויא דר פסוק זאגט אין מלאכי כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך יי צבאות הוא עס טייטש דיא ליפען פון דעם כהן היטין נור וויסען שאפט אונ פון זיין מויל פאדרט מען תורה דען ער איז איין וואהרער מלאך פון גאט. ווייל אויסער וואס דיא כהנים פלעגין זיין די רעכטע לומדים. בייא זייא אין דיא הענט איז גילעגין דער עיקר תורה אונ זייא האבין דאס פר שפרייט צווישין כלל ישראל האבין זייא אויך אראפ גיצויגין השפעת קדושה וטהרה פון הימעל אויף כל ישראל דורך זייערע היילגע עבודות אונ ברכות וויא דר סדר איז גיוועזין אין בית המקדש. דיא מבינים פון דאס פאלק האבן דאס גוט פאר שטאנען די פעולה וואס זייא טוען אויף דאס פאלק אונ דרום האבין זייא גישעצט אונ גישטיצט די כהנים מיט תרומה אונ מיט אלע מתנות וועלכע עס האט גיהערט צו זייא וויא די תורה האט גיבאטין. אבער דר פראסטער מענטש וואס ער גיט ניט דעם חלק צום כהן די סבה איז ווייל ער פר שטייט ניט די מעלה פון אים אונ די נוטצין וועלכע זיי בריינגען אויף דאס פאלק. דרום זאגט די תורה פאר דעם עונש וועט זיין ווייב פון אים אפ קערן אונ אן הייבן קוקין אויף פרעמדע מאנסבילן. דאן וועט ער דארפן אן קומען צום כהן ער זאל פון זיינט וועגין טאן די סגולה אונ איר מאכן אן טרינקען די מים המאררים כדי ער זאל זיך דר וויסין אויב דר חשד איז טאקי אמת אדער ניט. אונ אז ער וועט זעהן דאס דר כהן איז אזו איין גרויסער מומחה דאז וועט ער שוין ווייטר אים האלטין בכבוד גדול אונ היטין אפ צו געבין אים זיינע תרומות אונ אלע מתנות כהונה וויא גיהעריג איז. דער פון איז ארויס צו קוקין וויא אן גימאסטין עס זיינען דיא משפטים פון בורא יתברך אז דוד המלך ע"ה האט גיזאגט אין תהלים משפטי יי אמת צדקו יחדו :

כי יפליא לנדור נדר וגו'. אין מדרש במדבר רבה שטייט הקב"ה האט גיזאגט צוא דיא ישראל בייא מיין נאמן טאר מען ניט שווערין אדר איין נדר טאן סיידין דר וואס איז איין ירא שמים וויא דר צדיק אברהם. יוסף אדר איוב. דאס זייא ווערן אן גירופן יראי אלהים באמת. דעם טעם דער פון וועלין מיר פאר שטיין מיט אמשל. איין ארימר האלץ זעגר מיט איין גנב האבין ביידע גיוואונט צו זאמן אין שכנות אונ ביידע האבן גיהאט טעכטר. דר האלץ זעגער פלעגט מאכין זיינע טעכטער חתונה צו דר צייט אונ בייא דעם גנב פלעגן זייא בלייבין זיטצען ביז דעם גרויען צאפ. אמאל זאגט דער גנב צום שכן. מיר איז אגרויסע תמיה. דוא ביסט דאך געווים ניט רייכער פון מיר נוא ווארום האסטו יוא צוא געבין נדן אונ הוצאות החתונה פאר דיינע טעכטער אונ איך גאר נישט. ענטפערט יענר טוא וויא איך וועסטו אויך האבן. דען מיין שטייגר איז אזו. באלד וויא אטאכטר ווערט בייא מיר גיבארן אזו שטעל איך אוועק פר איר ביי זיך אין קאסטין איין פר שלאסענע פוסקע וועלכע עס איז שווער צום עפענען אונ אלע טאג היט איך אריין צו ווארפין איין קאפיקע נון אין אמשך פון אכצעהן צוואנציג יאר איז שוין גינוג פר איין ארעמאן אויף נדן. האט דר גנב זיך פאנאנדר גילאכט אונ זאגט דאס איז נאר איין עצה פר איין ערליכען מאן וויא דו ביסט. אז דו ווייסט גאר ניט וויא מען קומט צו צו איין שלאס. אונ אפילו ווען דיר איז זייער איינג אונ דו נעמסט שוין אמאל

אִין הַאנְט דִי פּוּסְקֶע כְּדֵי וָואס עֶס אִיז אַרוֹים צוּ נֶעמֶען אוֹיף בְּרוֹיט גִידוֹיעֶרְט זַייעֶר לַאנְג אֵיידֶר דוּא קֶענְסְט צוּ קוּמֶען צוּם שְׁלָאס. דֶר נַוויילֶע הָאסְטוּ צַייט זִיךְ צוּ בֶּעטְרַאכְטִין דָאס עֶס לוֹינְט פַאר דִיר בֶּעסֶר דִי צַייט אִיבֶּער צוּ לֵיידִין אוּנ נִיט צוּ רִירִין דֶער פוּן אַנְגְרָאשִׁין. אָבֶּר אִיךְ וָואס בַּייא מִיר אִיז גְרִינְג וִויא אַיין הָאר פוּן מִילְךְ צוּ עֶפֶענֶען דִיא שְׁטַארְקְסְטֶע פְרֶעמְדֶע שְׁלֶעסֶר אַפְּשִׁיטָא שׁוֹין מַיינֶעם אַיין אֵיינֶינֶעם שְׁלֶעסִיל נוּן צוּ וָואס נוּצְט דָאס פַּר מִיר. דֶר נִמְשַׁל אִיז דָאס. דֶר צַדִיק אוּנ דֶר אֶמֶתֶר יְרֵא שָׁמַיִם דָאס עֶר אִיז מְדַקְדֵק צוּ הִיטִין יֶעדֶער מִצְוָה פוּן דֶער תּוֹרָה אוֹיף אַיין הָאר אוּנ אַלֶעס וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט פַאר שְׁלָאסִין כְּלוֹמֶר גִיאַסֶרְתּ הִיט עֶר זִיךְ אָן דֶעם אָן צוּ רִירִין אֲפִילוּ אִין זַיין גְרֶעסְטִין נוֹיט דָאס הֵייסְט אִין דִי צַייט וֶוען דֶר יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אִים צוּ בְּרֶעכְט עֶר אַלֶע תַּאֲווֹת אוּנ אִיז נִיט עוֹבֵר ח״ו קַיין עֲבֵירָה. פַּר אַזוֹ אַלַייט אִיז אַפְּעוּלָה דֶר מִיטִיל פוּן אַשְׁבוּעָה אָדֶר אַיין נֶדֶר כְּדֵי זִיךְ צוּ פַּר צַאמֶען פוּן עֶפִּיס וָואס נִיט רֶעכְט אִיז אָדֶר אוּם פְלַייסִיגֶר צוּ טָאן עֶטְוָואס אַדִקְדוּק מִצְוָה. אָבֶּר אַגִיוואוֹינְלִיכֶר מֶענְטְשׁ בִּפְרַט דֶר רָשָׁע דֶר בַּעַל עֲבֵירָה פִיל שְׁטַארְקֶע שְׁלֶעסֶר כְּלוֹמֶר הַארְבֶּע מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה רַייסְט עֶר פָארְט אוֹיף דוּרְךְ דֶעם יָאהְר מִכָּל שֶׁכֵּן דָאס זַיין אֵייגִינֶעם נֶדֶר וֶועט עֶר גֶעוִויס עוֹבֵר זַיין. דְרוּם זָאגִין רֶעכְט אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים ז״ל דָאס אַשְׁבוּעָה אָדֶר אַיין נֶדֶר וֶועלְכֶע זַיינֶען שַׁייךְ צוּ עֲנָיֵי מִצְוֹת פַּאסְט נוּר פַאר דֶעם גְרוֹיסִין צַדִיק אוּנ יְרֵא שָׁמַיִם אָבֶּער אוּנְזֶערֶע מֶענְטְשִׁין מוּזִין זִיךְ גוּט הִיטִין מַרְחִיק צוּ זַיין פוּן נְדָרִים וּשְׁבוּעוֹת וַוייל דֶער פוּן קוּמְט אַרוֹיס פִיל מִכְשׁוֹלִים וִויא עֶס אִיז שׁוֹין יָדוּעַ בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים:

אִישׁ וגו׳ כִּי יַפְלִיא לִנְדּוֹר נֶדֶר. דָאס טַייטְשׁ וֶוען אַמֶענְטְשׁ וֶועט וואוּנְדֶערִין צוּ טָאן זִיךְ אַנֶדֶר. דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן לָשׁוֹן וואוּנְדֶערְן בַּייא אַיין נֶדֶר קֶען מֶען עֶרְקְלֶערְן אִין דֶעם אוֹפֶן. דֶען דֶר חִילוּק פוּן אַיין אָרֶענְטְלִיכִין מֶענְטְשִׁין בִּיז נִיט אַיין אָרֶענְטְלִיכֶען אִין דֶעם עִנְיָן פוּן נְדָרִים אִיז דָאס. דֶער אוּנְאָרֶענְטְלִיכֶער טוּט זִיךְ לְמָשָׁל אַנֶדֶר עֶר זָאל נִיט שְׁפִּילִין אִין קָארְטִין אָדֶר נִיט שִׁיכּוֹרִין וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין פַר שְׁפִּילְט אוּנ פַר שִׁיכּוֹרְט בִּיז דֶעם לֶעצְטִין גְרָאשִׁין דְרוּם אִיז אִים גִיוָוארִין זַייעֶר בִּיטֶער אוֹיפִין הַארְצִין אוּנ זָאגְט זִיךְ צוּ עֶר זָאל דָאס וַוייטֶער שׁוֹין מֶער נִיט טָאן. נוּא דָאס אִיז קַיין חִידוּשׁ נִיט אוּנ דַאהֶער וִויא דֶר נוֹיט זַיינֶער גֵייט אִים אִיבֶּר טוּט עֶר וַוייטֶער דִיא זֶעלְבֶּע אוּנ אִיז עוֹבֵר דֶעם נֶדֶר. אָבֶּער דֶער צַדִיק עֶר טוּט זִיךְ אַיין נֶדֶר פַּר דֶעם בְּעֵת עֶר אִיז אִין דִי רֶעכְטֶע תַּאֲוָה אוּנ דָאךְ הַאלְט עֶר זִיךְ אָפּ עֶר זָאל חָלִילָה נִיט נִכְשַׁל וֶוערִין. אַזוֹ אַיין מַאן עֶר מֶעג זִיךְ שׁוֹין טָאן אַיין נֶדֶר וָוארוּם עֶר וֶועט בְּוַדַאי מְקַיֵים זַיין. אוּנ דָאס אִיז טַאקִי אַגְרוֹיסֶער וואוּנְדֶער וִויא אַזוֹ אַיין מֶענְטְשׁ זָאל אַזוֹ קֶענֶען בְּרֶעכִין זַיין יֵצֶר הָרָע. דִי כַּוָונָה לֶערִינְט אוּנְז דִיא תּוֹרָה אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַפְלִיא לִנְדּוֹר נֶדֶר הַיְינוּ וֶוער אִיז רָאוּי צוּא נְדָרִים דַוְוקָא אַזֶעלְכֶער וָואס בְּשַׁעַת עֶר טוּט זִיךְ דֶעם נֶדֶר זֶעהְט מֶען אוֹיךְ אוֹיף אִים גְרוֹיס וואוּנְדֶער. וִויא אוֹיבִּין אִיז עֶרְקְלֶערְט:

דֶער מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אִין דֶר סִדְרָה הָרְשָׁעִים קוֹדְמִים לִשְׁמָם נָבָל שְׁמוֹ כו׳. עֶס טַייטְשׁ בַּייא רְשָׁעִים אִיז גִישְׁרִיבִּן זַייעֶר אֵייגֶן נָאמֶן פַּר דֶעם וָוארְט שְׁמוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט נָבָל שְׁמוֹ. גָּלְיָת שְׁמוֹ (נָבָל אִיז זַיין נָאמֶען. גָלְיָת אִיז זַיין נָאמֶען). אָבֶּער בַּייא צַדִיקִים אִיז גִישְׁרִיבִּין פַּר קֶערְט. דֶער וָוארְט שְׁמוֹ פַארִין אֵייגֶען נָאמֶען. וּשְׁמוֹ אֶלְקָנָה. וּשְׁמוֹ בּוֹעַז. וּשְׁמוֹ מָרְדְּכַי. דֶר פְּשַׁט דֶר פוּנְפַר שְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַמָשָׁל. אֵיינֶר וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גִיוֶועזִין לַאנְג פוּן דֶר הֵיים הָאט עֶר זִיךְ אָן גִיטְרָאפִין מִיט זַיינֶעם אַיין שְׁטָאט מַאן וָואס עֶר פָארְט יֶעצְט פוּן דָארְטִין אוּנ אַז עֶר הָאט אִים נִיפְרֶעגְט וָואס עֶס הֶערְט זִיךְ אִין דֶער הֵיים עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער עֶס אִיז גִיוֶועזִין אַשְׂרֵיפָה. הָאט עֶר זִיךְ דֶר שְׁרָאקִין אוּנ זָאגְט בְּוַדַאי אִין מַיין הוֹיז. עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער נֵיין עֶפִּיס אַיין קְלֵיינֶע חוּרְבָּה. אוֹיךְ דַיין בְּרוּדֶר

האט טויזנט רובל פאר דינט. רופט זיך אפ דר ערשטער. וויא קלוג וואלסטו גירעט אז דוא וואלסט בעסר אן הייבן ריידין פאר קערט היינו מיט דיא גוטעם אונ ליבערשט זאגין מיט דעם לשון. אחורבעצקע איז פר ברענט גיווארין. איין פר דינסט פון טויזנט רובל האט דיין ברודר באקומען. איצונד אבר האב איך גימיינט אדרבה ער האט חלילה אן גיווארין טויזנט רובל אדער מיין שטוב איז פר ברענט גיווארין. דר נמשל איז דאס. דר ווארט שם (איין נאמען) בעטייט אויף דיא מעשים פון מענטשין. ענטוועדער מעשים טובים אדר מעשים רעים. אזו וויא דר פסוק שרייבט אין איוב שם לו על פני חוץ דרום איז גישריבין ביא צדיקים ושמו מרדכי עס איז גמיינט די בשורת טובה פון ריח היינו זייערע מעשים טובים שטייט גלייך אין אנפאנג אבער דר ווארט שמו ביא די רשעים ווייל עס באטייט אויף היזק היינו אויף זייערע מעשים רעים דרום שטייט נאכהער וויא נבל שמו כלומר נבל האט גיהאט איין היזק אונ דרום ווילט זיך ניט גלייך אין תחלת דאס דר מאנן:

דבר אל אהרן וגו' כה תברכו את בני ישראל אמור להם יברכך יי וגו' דאס טייטש רייד צו אהרן אונ צו זיינע קינדר אזו צו זאגין. אזו זאלט איר בענטשין די קינדר ישראל זאג צו זייא גאט זאל דיר בענטשין. דיא מפרשים פרעגן אין פלוג איז איבעריג די ווערטער אמור להם געגוג עס זאל שטיין כה תברכו את בני ישראל יברכך יי. דר תירוץ איז מיט איין משל. איינער האט ארוים גיטריבין אזון ווייל ער איז גיוועזין זייער צוא לאזין. דער זון האט זיך ארום גיוואלגערט נאקעט אונ בארפוס. איז גיקומען איינער אבעקאנטער צום פאטר משתדל זיין פאר דעם זון ער זאל אים מיט וואס העלפן. ענטפערט אים דער פאטער איך בעט דיר טאקי דו זאלסט זעהן איך זאל אים העלפן. זאגט יענער איך פר שטייא ניט דיין מיין דען דאס איז דאך ביא דיר אין דער האנט. ענטפערט אים דר פאטער דיא מעשה איז אזו. ווען דוא ביסט אפרעמדער אונ האסט רחמנות אויף מיין קינד האב איך דאך גיוויס מער רחמנות אויף אים אונ איך שטייא אימער פארטיג אים צו העלפין. די גאנצע אפ האלטונג איז נור ער אליין דאס איז ווייל ער איז ניט ווערט. דאהער וואס בעטסטו מיר ליבערסט בעסער רייד מיט אים ער זאל בעסער ווערין אונ אז ער וועט ווערט זיין ממילא וועל איך אים דאן העלפן. דר נמשל איז הקב"ה אונ די קינדר ישראל. דען הקב"ה איז בוודאי אחפץ חסד ער וויל אימער טאן חסדים מיט אונז אונ דיא מניעה זיינען נור אונזערע בייזע מעשים. דרום זאגט השי"ת צו די כהנים כה תברכו את בני ישראל אייער ברכה צו ישראל בעשטייט נור אין דעריין אמור להם כלומר איר זאלט זייא אן זאגין דאס זייא זאלין גוט אונ פרום זיין דאן ממילא יברכך יי וועט דיר שוין גאט ב"ה אליין בענטשין. אז דר מדרש שרייבט אין פרשה בשלח עד שאתה מצוה אותי על בני צוה את בני עלי היינו הקב"ה האט גיזאגט צו משה ע"ה אידער דו בעטסט מיר איך זאל צו הערין מיינע קינדרס תפלה היים בעסר מיינע קינדר דאס זיי זאלן מיר צו הערן:

מזרק אחד כסף דר מדרש דרשנת מזרק אחד דאס איז גימיינט יוסף הצדיק ווייל ער איז פר ווארפין גיווארין פון זיין פאטער קיין מצרים (זרק איז דר טייטש ווארפין) כסף איז גימיינט די חכמה זיינע אזו וויא אין משלי שטייט כסף נבחר לשון צדיק די צונג פון צדיק איז גיגליכין וויא די בעסטע זילבער. אונ דורך זיין חכמה האט ער זוכה גיוועזין צו מלוכה. וויא פרעה האט צו אים גיזאגט אחרי הודיע אלהים אותך את כל זאת אין נבון וחכם כמוך. עס איז קשה יוסף אונ פרעה האבין דאך גיזאגט בלעדי אלהים וגו' אחרי הודיע אלהים וגו' כלומר ניט ער איז דער חכם נייערט גאט. אם כן וויא אזו נאכהער זאגט פרעה אין נבון וגו' דאס הייסט דוא יוסף ביסט דר גרעסטער חכם. דאס אלעם פאר שטייט זיך מיט איין משל. איינער פון אקליין שטעטיל איז אריין וואוינען אין אגרויסע

שטאט אונ האט גימאכט אגרויסע קראם פון טייערע מיני סחורות. מיט דר צייט האט די שטאט גימאכט איין הערכה אויף בעלי בתים אויף נייטיגע הצטרכות האבין קהל ארויף גילייגט אויף דעם קרעמער אגרויסע הערכה איז ער גיקומען שרייען צו די פרנס חדשים אונ זאגט. איר זאלט וויסין זיין איך בין גאר ניט רייך אונ די אלע סחורות וואס איר זעהט בייא מיר איז אלץ גינומען אויף קאנטעס אונ דאס איז נור פרעמדע. האבין זייא אים גיענטפערט אפילו וויא דוא אליין זאגסט זעהט מען אויך אז דוא ביסט דער רייכסטר מאן בייא אונז ווייל קיינעם טרויט מען אזו פיל סחורה אויסער דיר. דר פון איז אבעוייז אז דוא פאר מאגסט ארעכטין קאפיטאל על כן מוזטו געבן מער פון אלעמן. דער נמשל איז פרעה האט גיזאגט צו יוסף תשמע חלום לפתור אותו דוא פאר שטייסט וויא פותר חלום צוא זיין היינו דוא ביסט איין רייכער מאן אין חכמה. האט יוסף גיענטפערט בלעדי אלהים יענה וגו' כלומר איך אליין בין ארעם אונ וויים גאר ניט נייערט דאס גיהערט צו גאט ב"ה. אז דר פסוק זאגט כי ה' יתן חכמה וגו' השי"ת גיט חכמה. אונ אז ער האט אים פותר גיוועז וויא גיהעריג איז האט זיך פרעה אפ גירופין אחרי הודיע וגו' דאס הייסט ווייל השי"ת האט נור דיר דאס מגלה גיוועזן אונ ניט קיין אנדערין דר פון איז אקלארער בעוייז דאס דוא אליין האסט אויך איין גרויסן קאפיטאל חכמה אונ נור דוא ביסט דר גרעסטער חכם אונ קיינער איז ניין גלייכין. אז די חכמים ז"ל שרייבין אין מסכת ברכות הקב"ה גיט חכמה צו אזעלכין וואס אין אים איז שוין דא פון פריער חכמה אז דר פסוק זאגט אין דניאל יהיב חכמתא לחכימין דאס טייטש ער גיט חכמה צוא חכמים:

## הפטרת נשא

הנה נא את עקרה וגו' וילדת בן וגו' כי הנה הרה דר מלאך האט גיזאגט צו די נייב פון מנוח דוא ביסט איצונד איין אונטראכטעריק נון וועסטו טראגעדיג ווערין אונ וועסט גיהוינען אזון דען דו ביסט איצטער טראגעדיג. עס איז קשה דר מלאך איז זיך זעלבסט דר ווידר. דען אין אן הייב זאגט ער צו איר דר ווייבע ביסטו נאך איין עקרה אונ שפעטער וועסטו טראגעדיג ווערין אינ תיכף זאגט ער דוא ביסט שוין טראגעדיג. דער ענין דער פון איז וויא שלמה המלך ע"ה האט גישריבין אין משלי מים קרים על נפש עיפה ושמועה טובה מארץ מרחק דאס הייסט אזו גוט ווען מען איז פאר מאטערט אונ פאר שוויצט טאר מען זיך ניט צו חאפין טרינקען מיט איין מאל גאנץ קאלטע וואסר. נייערט מען זאל ווארטין ביז די קעלט וועט אביסיל ארוים דאן זאל מען טרינקען ביסלעך וויים ווען ניט קען ח"ו פאר שאטין. וויא עס איז ידוע. אזו אויך איין בשורה טובה טאר מען ניט אן זאגין פלוצלונג מיט איין מאל נור ביסלעך ווייס כדי יענער זאל זיך ניט דר שרעקין. די זעלביגע האט זיך נוהג גיוועזן דער מלאך מיט דיא אשה. אין אנפאנג האט ער גיזאגט דו וועסט טראגין אונ האבן אזון ביז לסוף האט ער איר אוים גיזאגט דאס זיא איז טאקע שוין מעוברת. היינו גראדן ווייס אום עס זאל איר ניט שאדן די פלוצלונגע גרויסע שמחה. אונ אין דעם ארט האט איין גאון גיטייטשט דעם פסוק מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום מבשר טוב משמיע ישועה אמר לציון מלך אלהיך. איז דאך אין פלוג אקשיא עס וואלט דאך גינוג גיוועזן צו זאגין מה נאוו על ההרים רגלי מבשר אומר לציון מלך אלהיך ווארום דער עיקר איז דאך דאס גימיינט דאס דר מבשר וועט אנזאגן אז גאט זעלבסט וועט קינינן אין ציון. נור מיט די פאריגע רייד ווערט שוין רעכט. דער נביא ישעיה מיינט דאמיט צו זאגין דאס דער מבשר וועט אונז ניט פלוצלונג די גאולה אן זאגין נור לאנגזאם מדרגות וויים. דאס הייסט פריער אויף שלום. נאכהער מיט די בשורה פון טוב. אונ נאכהער מיט דיא בשורה פון ישועה. אונ גאר צום לעצטין דעם עיקר גאולה מלך אלהיך דאס גאט וועט קינינין אין ציון:

## פרשת בהעלותך

בהעלותך את הנרות אין מדרש שטייט אזו אין כבה ערטער האט הקדוש ב"ה געבאטן וועגין

וועגן אן צינדין דיא מנורה מיט איילבערין איל. דאס קומט אויס אז דר פסוק זאגט אין ישעיה יי חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר. עס טייטש ווייל גאט ב"ה וויל זיין פאלק פרום מאכן דרום פר גרעשערט ער אונ פר שטארקט די תורה. דעם פירוש פון מאמר ווערט פאר שטענדליך מיט איין משל. איינר אגביר האט גימאכט איין גרויסין מאלצייט פר אלע בעלי בתים פון שטאט. נאטירליך האט זיך יעדרער אן גטאן אונ אויס געפוצט וויא ווייט מעגליך עס איז. די געמיינע לייט זיינן גיקומן אין די קליידר וואס זייא האבן גיהאט. צווישן זייא איז אויך גיוועזן איין געלאדין איין פר צייטיגר בן גביר דאס איצונד איז ער גיוועזן זייער פר ארימט. ער האט ניט גיהאט ממש וואס ארויף צו ציען אויף זיך אויסר די אלטע קאדער צו ריסענע וועלכע עס איז אים איבר גיבליבין בירושה פון זיינע עלטערין. אים ווילט זיך אבער פארט גיין אויף דער סעודה האט ער גינומען קלערין אונ בעטראכטן דיא שארית הפליטה פון די חפצים זיינע. נוא האט ער געפונן אשיינעם פיינעם געהאפטין יום כפור גערטעלע. ער האט גיחאפט אן גיטאן דיא טראנטעם פאר גארטילט זיך פון אויבן מיט דעם טייערין גארטיל אונ גיקומען צום גביר אויפין מאלצייט. נון פר שטייט זיך וויא ער איז דארטין ארויין גיקומען אין שטוב איז גיווארין גילעכטער איבער גילעכטער גאר אן אשיעור. דיא געשיכטע על דרך המוסר איז אזוי. מען דארף וויסין אזוי גוט וויא די שפייז פון גוף איז פערהאנדין צווייערלייא היינו גאנץ נייטיגע פאר אלערלייא מענטשין בדמיון ברויט. וואסער. אויך דיא זאכין וועלכע זיינען פון תענוג וועגין אונ נוציג נור פר איידיל לייט. דאס גלייכין איז די תורה ומצות די נייטיגע שפייז אונ די חיות פון די נשמה פיר אלע קלאסין מענטשין וויא דער פסוק זאגט כי הוא חייך ואורך ימיך. אבער דיא דקדוקי מצות אונ די כוונות התורה ותפלה זיינען נור בעהאלטין פאר אדעל לייט דאס

הייסט די גרויסע צדיקים וועלכע אין די אלע עיקרי מצות התורה זיינען זייא שוין פון לאנג אן אפ גיהיט אויף איין האר אונ עס פעלט זייא מער ניט אז די גדרים אונ כוונות. דרום מוז יעדערער קענען זיין ערך אונ טאר ניט בעטרעטין דעם העכערין טרעפ כל זמן ער האט נאך ניט גישטעלט איין פוס אויף דעם נידעריגין טרעפיל בכדי ער זאל חלילה גאר ניט ארונטער פאלין. וויא מיר גיפינען אין מסכת חולין מר עוקבא זאגט. איך אנטקעגן מיין פאטר בין איך וויא עסיג אנטקעגן ווין. דען ער נאך פלייש פלעגט ער ווארטן א מעת לעת אונ איך עש קעז תיכף אין די צווייטע סעודה. נוא איז קשה ווארום האט מר עוקבא זיך ניט גיקענט נוהג זיין וויא דר פאטער. דער תירוץ איז ווייל ער האט גיוואוסט זיין ערך דאס ער קומט ניט צו דיא מדריגה פון זיין פאטער אין צדקות. דעריבער איז נאך דער מנהג צו הויך פאר אים. אין דעם זין שטראפט אונז דר נביא ישעיה אז ער האט בעטראכט דיא מעשים רעים אונזערע פון אגאנץ יאהר אונ וויא נידעריג מיר שטייען אבר וויא עס קומט ימים נוראים ווערין מיר מיט איין מאל כלומרשט צדיקים וחסידים מיט מקואות אונ כונות פון האר"י הקדוש אונ אלע דקדוקי מצות אן שטאט וואס אגאנץ יאר איז רעכט יוא דאוונן ניט דאוונן דאס גלייכין זאגט ישעיה הנביא מיט זיינע זיסע מליצה רייד צו דיא אומה הישראלית ימים על שנה תרגזנה בוטחות איבר גאר די טעג פון יאר דארפט איר זיבערע זיין אומרוהיגע כי כלה בציר אוסף בלי יבא דען דער הערבסט האט זיך גיקאנצעט אונ וואס צו פאר זאמלען אין שפייכלער איז ניט דא כלומר אימער פאר בראכט אין הבלים פון עולם הזה אונ קיין מעשים טובים ניט פר זאמילט אין דעם יאר נייערט צווישין דיא ימים נוראים דאמאלס הייבט איר זיך אן מיט איין מאל צו פירין וויא קדושים ומהורים. בעפאר איר זייט מתקן וואס איר האט ביז יעצט פאר דארבן.

דרום חרדו שאננות וגו' איר וואס ביז איצונד זייט איר געוועזין רוהיג אונ גאר ניט גיזארגט וועגן תשובה ומעשים טובים בעדארפט איר גענוג ציטערן פשוטה ועורה וחגורה על חלצים דאס איז גיגליכין ווי אײנער איז ארום גירים נאר נאקעט אונ איז ארום גיגארטילט מיט איין טייערן גורט אויף די לענדין. אונ דרום האט אפט די תורה איבער גיחזרת איין מצוה וויפיל מאל. למשל די מצוה פון מנורה דאס ווייזט אז אין איין מצוה גיפינט זיך וויא פיל מעלות ומדריגות פאר איטליכן גראד מענטשן וויא פאר אים פאסט אין דעם אופן זאל ער איר מקיים זיין. דאס איז אויך די כוונה פון אונזר מדרש. די תורה האט דר מאנט דיא מנורה מיט די אייל אן צינדין איינגע מאל ווייל עס שטייט ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר היינו הקב"ה פר לאנגט דאס איטליכער נאך זיין ערך צדקות נאך אזו זאל ער פאר גרעסערין אונ פאר שטארקין די תורה מיט מעהר דקדוקים וגדרים אונ חומרות. אונ מעהר מכוין זיין אין זיין עבודה ותפלה. אונ אזו אויך דער נידעריגער מענטש זאל ניט קריכין אויף דיא העכערע מדרגה ווען ער האט נאך ניט מתקן גיוועזן וואס ער האט אונגטין פאר פעלט:

ויעש כן אהרן וגו' אהרן האט גיטאן וויא הקב"ה האט גיהייסן אלץ וואס עס איז שייך וועגין אן צו צינדין דיא מנורה. אין ספרי שטייט. דער פסוק מיינט דאמיט צו זאגין איין שבח אויף אהרן דאס ער האט ניט משנה גיוועזן אונ גיטאן וויא ער איז גיבאטין גיווארין. דא איז איין קשיא. וואס פאר א שבח איז דאס פר אהרן. פאר גיוויס האט ער מקיים גיוועזן די מצוה פון הקב"ה ריכטיג. דער תירוץ איז מיט איין משל. איין עשיר האט פאר בעטין איין עני אויף איין מיטאג דר עסין האט אים זייער פארשאט אונ איז קראנק גיווארין האט דר דאקטאר אים פאר זאגט דאס ער זאל מעהר אזעלכע פעטע מאכלים ניט עסין דאן וועט ער גיזונט ווערן.

איז דאס ביי דעם עני גיוועזין א גרויסער וואונדר אונ זאגט. ווען מיינע גיוואונליכע גראבע שפייזין היינו ברויט מיט בוריקעס פר שאט מיר קיין מאל אין מיין לעבין ניט. נוא וויא איז עס מיגלאך דאס אזעלכע איידעלע גרינגע מאכלים איז מיר שעדליך. ענטפערט אים דער דאקטער עס איז פארט אזו. אונ איין בעוויז דר צו איז. דען צו דיר אין שטוב קום איך נור איין מאל אין יאהר אונ אפשר דאס אויך ניט. צו גבירים אבער קום איך אפט אונ ביי גרויסע שררים בין איך גאר איין הויז דאקטאר. דר ענין דר פון איז וויא דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים דרך אמונה בחרתי משפטיך שויתי אפילו דיינע משפטים דאס הייסט מצות וועלכע דר שכל איז אויך מסכים דר צו. דאך קלער איך אין זייא קיין טעם ניט נייערט איך בין מקיים מיט הוילע אמונה. אונ ווען דר חכם קלערט אין דעם כדי צו פר שטיין מיטין שכל אבער ביי זיך מוז ער אפריער מסכים זיין דאס ווען אפילו ער וועט ניט דער גיין דעם טעם על פי שכל וועט ער אויך מקיים זיין ווייל גאט ב"ה האט אזו גיבאטין צו טאן. אונ אויב מען וויל בויען נור אויף דעם מענטשליכין פר שטאנד דאן דאדורך ווערט גישטרויכילט אפילו דער גרעסטער חכם אין דר תורה. וויא מיר גיפינען שלמה המלך ע"ה האט זיך פר לאזין אויפין שכל זעלבסט אונ איז טאקי נכשל גיווארין דורך זיינע פיל ווייבער נעמען וכדומה. אבער דער צו דארף מען האבין גינוג יראת שמים ווייל דער שכל שטייט אים אנטקעגין אונ הייסט אים ניט פאלגין וויא עס איז גישריבן אין דר תורה. נור דאס איז אלץ גירעט ביי דעם איידעלין מאגן אונ גרינגע שפייזין דען ער איז גיכער עלול דר פון קראנק צו ווערין כלומר דר גרויסער חכם וואס זיין שכל ווייזט אים גאר פאר קערט אונ ער הערט ניט אונ איז דאך מקיים פראסט וויא עס שטייט גישריבין דאס איז איין בעוויז אז ער איז איין גרויסער צדיק. אבער דר פראסטער מאגן

מיט דיא פראסטע אבילות זיינע היינו דער פראסטער מענטש. אים דארף מען ניט דאנקען ווען ער איז מקיים וויא עס איז געשריבין ווייל ער האט דאך קיין שכל ניט איבער צו טראכטין עפעס וואס אנדערש. דרום זאגט דער ספרי גאנץ רעכט ווען דער גרויסער מאן אהרן אזו איין טיפער בעל שכל האט מקיים געוועזין די מצוה וויא גאט ב"ה האט געבאטין און ניט געפאלגט דעם שכל ער זאל עפיס משנה זיין אויף איין האר איז דאס בוודאי איין גרויסער שבח פאר אים:

ויהי העם כמתאוננים וגו' ותבער בם אש וגו' דאס פאלק ישראל האבין אימער אויס געטראכט און געזוכט בלבולים אנטקעגין גאט דרום האט אין זייא געברענט איין פייער פון גאט. דר מדרש פרעגט עס שטייט ווייטער אין די פרשה אספה לי שבעים איש מזקני ישראל היינו גאט ב"ה האט געהייסין משה זאל איצונד מאכין זיבעציג זקנים. איז קשה עס זיינען דאך שוין געוועזין בעשטימטע זקנים פון די צייט ווען זייא זיינען געשטאנען בייא דעם בארג סיני. אז עס איז געשריבן אין משפטים עלה אל יי' וגו' ושבעים איש מזקני ישראל אלא זייא זיינען אלע דא פערברענט געווארין פר דעם חטא וואס זייא זיינען געוועזין בייא דעם בארג סיני אן שטאטיג. אז דער פסוק זאגט ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו דאס טייטש אז זייא האבן געזעהן גאט איז גלייך געוועזין וויא זייא וואלטן עסין און טרינקן וויא איין קנעכט דאס בשעת ער בעדינט זיין הארין האלט ער אין האנט אשטיק ברויט און בייסט. דעם פירוש פון דיזען הארבן מאמר און אין וואס פר אפאך איז דאמאלס בעשטאנען זייער זינד ווילין מיר ערקלערין מיט איין וועלטליכין משל. איינער האט געהאט אווייב פון איין גאנץ פראסטע משפחה און לבד דעם האט זיא זיך ניט געפירט ארינטליך און דאך האט איר דר מאן זייער געליבט. ויהי היום אז זיא איז געשטארבן האט ער גענומען די צווייטע פרויא אמיוחסת און אפרומע אמאל זאגט ער צוא איר ווען איך דר זעה דיר איז בייא מיר אזוי ליב גלייך אז איך וואלט דר זעהן מיין ערשטע ווייב פון קבר. איז די ווייב געווארין שטארק אין גרים צארן און זאגט ווען דו פר גלייכסט מיר צו איר פר שטייא איך אז דו ביסט נאך עד היום קיין מבין ניט און בייא דיר איז קיין חילוק ניט פון גוט ביז שלעכט. דער נמשל איז אזוי. דיא ספרי מוסר שרייבין איין בעל תשובה מוז זעהען דער עיקר פריער זיך צו רייניגין פון עבירות. און נאכהער אן הייבן טאן מעשים טובים. אז דר פסוק זאגט סור מרע ועשה טוב ווען ניט האט דיא תשובה קיין קיום ניט וויא איין געפארבטן בגד אויב מען האט אים פארין פארבין אפריער ניט גוט אויס געוואשין דאן האלט זיך די פארב אויף אים ניט אויף. גם שרייבין זייא דאס דיא הויפט תחבולה וויא ממשיך צו זיין אויף זיך קדושה און רוח הקודש ווענט זיך וויא וויט מען איז זיך פורש פון תאות און הנאות עולם הזה און נאך דיא מדריגה נאך וויא פיל מען איז ממאס אין אלע ענייני הגוף. דרום אז בייא דיא זקנים איז געוועזין די הנאה וואס זייא האבין געזעהן דיא שכינה כביכול גלייך אז די הנאה גשמיות פון אכילה ושתיה איז דאס פר זייא געוועזין גירעכינט פר איין גרויסין חטא דען דאס איז איין ראיה אז זייא זיינען נאך געוועזין צוא געבונדין צו תאות ותענוגי העולם און בייא זייא מאכט ניט אויס אפ צו זאנדערין איין הנאה קדושה פון איין הנאה גשמיות. און ווייל הקב"ה האט דאמאלס ניט געוואלט פר שטערין די שמחה וויא דער מדרש שרייבט דרום האט דער מדת הדין געווארט ביז איצונד און זיי זיינען געשטראפט געווארין גלייך מיט דיא בעלי תאוות דאס הייסט די אספסוף. אז דר פסוק שרייבט דא והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה:

ויקרא את שם המקום ההוא קברות התאוה כי שם קברו את העם המתאוים דאס טייטש יענעם ארט האט מען גירופין קברות התאוה (תאוה באגרעבענים) ווייל דארטין האבין זייא

באגראבן דאס פאלק וועלכע זייא האבן גילוסט צו עסין פלייש. די קדמונים פרעגין איין קשיא איבער דעם טעם האט מען דעם ארט בעסער באדארפט אנאמען געבן קברות המתאוים (די גילוסטער בעגרעבינעם) אונ ניט קברות התאוה. עס וועט רעכט ווערין מיט איין משל. איינער אגרויסר בעל מקנא וואס ער האט ניט גיקענט זעהען אז דעם צווייטן גייט עפיס גוט איז גיוועזן זיין שטייגער יענעם שטילערהייד צו גראבין ביז ער האט אים גימאכט אונגליקליך אונ קיין איינער האט ניט גיוואוסט פון וואנן דאס איז אים גיקומען. אמאל האט ער זיך צו קריגט מיט איינעם אונ האט אים גימסרט ביא דעם שררה דער פון איז יענעם ארויס גיוואקסין איין גרויסע רעה אונ נאכהער האט ער זיך פר אים אליין בארימט דאס ער האט דאס אים אפ גיטאן. דאן האבין זיך אלע גיפרייט ווייל אז זייא ווייסין שוין ווער זייער שונא איז דא וועלין זייא שוין מהיום והלאה זיך קענן אוים היטין פון איהם. די מעשה איז דר פון אזוי. אלע ווייסין קלאר דאס דעם רשע בפרט דעם בעל תאוה ווערט ניט גישיינקט פיר אלעם. אונ דיא רשעות אונ תאוות זעלבסט זייא פירין אריין דעם מענטשין אין גרעסטין אונגליק אונ פון דעסט וועגין ווערט קיינער ניט בעסר דר פון אונ טוט די זעלביגע וויא יענער בעל תאוה. דער טעם איז ווייל דר עונש טרעפט ניט דעם בעל עבירה תיכף בעת ער טוט די מעשה רעה דאס עס זאל אים שאדין. בדמיון איינער שלינגט אראפ סם המות. נור דר עונש קומט אין אצייט ארום נאך דעם אז עס ווערט שוין גאר פאר געסין דיא מעשה רעה דרום פאלט מען גאר ניט אויף די מחשבה אז דאס איז פר יענעם חטא דאס מען זאל איבער דעם בעסער ווערין. וויא שלמה ע"ה זאגט אין קהלת אשר אין נעשה פתגם מעשה הרעה מהרה על כן מלא לב בני האדם בהם לעשות רע ווייל דר עסק פר די מעשה רע קומט ניט באלד דרום וואגין זיך מענטשין צו טאן ווייטר ביז. אונ ווייל ביא די מעשה זיינן דיא ישראל תיכף גישטראפט גיווארין אז עס שטייט הבשר עודנו בין שניהם וגו' ואף יי' חרה בעם וגו' בשעת זיי האבן נאך גיהאלטן די פלייש צווישין דיא ציינער האט זייא שוין גאט גישלאגין. דרום האבין אלע פון זייא זיך אראפ גינומען אמוסר אונ די תאוה האט שוין דא גיהאט איר קבורה. כלומר אלע האבין שוין מורא גיהאט תאוות צו ברויכין: דאס זאגט דער פסוק ויקרא וגו' קברות התאוה כי שם קברו את העם המתאוים כלומר ווייל די בעלי תאוות זיינן תיכף גישטראפט גיווארין האט דורך דעם די תאוה באקומען איר קבורה אונ דרום האט מען רעכט אנאמען גיגעבן יענעם ארט קברות התאוה אונ ניט קברות המתאוים. וויא אויבין איז ערקלערט גיווארן:

# הפטרת בהעלותך

דיא זעלביגע הפטרה איז אויך פון שבת חנוכה:

רני ושמחי בת ציון כי הנני בא ושכנתי בתוכך נאם יי'. ונלוו גוים רבים אל יי' וגו' והיו לי לעם ושכנתי בתוכך. עס טייטש הש"י טרייסט דיא אומה ישראלית ער זאגט זינג אונ פרייא זיך דוא טאכטר ציון דען איך קום אונ וועל רוהען ביא דיר. דאמאלס וועלין זיך פיל פעלקער באהעפטין צוא גאט. זייא וועלין זיין איין פאלק צו מיר אונ איך וועל רוהען צווישין דיר. מיט איין דמיון וועט רעכט ווערן די קשיא פון די מפרשים ווארום באדארף שטיין צווייא מאל ושכנתי בתוכך. למשל אז איין דוכס פארט אין וועג אונ מיט איין מאל הייבט אן דונערין אונ עס גיסט ארוים איין גרויסער רעגין דאס קוים ער מיט זיין גאנצע שוויטע האבין באוויזין אריין צוא חאפין זיך ביא איין פויער אין אשטיבעל. געוויס האט זיך יענער פויער גאר ניט מיט וואס זיך איבער צו נעמען וועגין דעם גרויסין כבוד וועלכין ער האט דא גינאסין דורך דעם וואס דר דוכס איז ביא אים איין גישטאנען. ווייל ער איז דאך צו אים אריין גיפארין מעהר ניט אוים נויט. דאגעגין אבער ווען דער דוכס פארט דורך איין גרויסע שטאט פאר בויט מיט פאלאטשין אונ דאך קוקט ער ניט אויף קיינעם נייערט ער פארט אריין ביא איינעם אגימיינעם בעל הבית אין אקליין

שטיבל

שטיבל. נון דאס איז שוין איין קלארער סימן אז יענער איז מסתמא איין וויכטיגער מאן אונ דר דוכם ליבט אים מעהר פון אלע שטאט לייט. דיא כוונה פון דעם ענין איז אזו. עס גיבט צווייא ערלייא חשיבות. ענטוועדער מחמת די זאך איז טאקי באמת זייער חשוב אונ זעלטין אדער נור ווייל אנטקעגין אפראסטע זאך איז דאס גירעכינט איין חשובער חפץ. אונ וועץ ניט צו גלייבענדיג צו יענעמס איז דאס אויך גאר נישט. מיר גיפינען אין גמרא ומדרשים בשעת מתן תורה האט זיך הקב"ה פריער ארום גיטראגין מיט די תורה הקדושה צו אלע פרצייטיגע אומות אונ זייא האבין ניט אן גינומען אונ די ישראל האבין איר יוא מקבל גיוועזין. דאס איז גיוועזן איין חסד פון דעם בורא יתברך ווייל ער האט פר זארגט פילייכט וועלין אידין איין מאל ניט זיין אזעלכע רעכטע חשובים באמת אין תורה ומעשים טובים דאן וועלין זייא זיין לכל הפחות חשובים אנטקעגין דעם ערך פון יענע פעלקער וועלכע זייא האבין גאר ניט גיוואלט וויסין פון דר תורה. דאמיט וועלין מיר לייכט פרשטיין די פסוקים פון פרשה יתרו. גיט דר מאגענדיג די פיל דקדוקים וועלכע די קדמונים פרעגין. היינו הקב"ה זאגט צו ישראל והייתם לי סגלה מכל העמים וגו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש דאס הייסט ווען איר וועט חלילה ניט אזו פרום זיין וויא גיהעריג איז וועט איר אין אנויט זיין ביי מיר געאכטעט וויא איין אוצר בערך אנדערע פעלקער. ואתם וגו' איר אבר זאלט זעהען זיך צו מיהען דאס איר זאלט טאקי באמת זיין איין היילינגעם פאלק. דיא נחמה זאגט אונז אן דער נביא זכריה אויף משיחס צייטין אין דעם נאמען פון הקב"ה רני וגו' ושכנתי בתוכך פרייא זיך דו טאכטער ציון דען מיין שכינה וועט רוען בייא דיר אין אכסניא. אונ גיט מיין אז דאס וועט זיין מחמת נויט ווייל איך וועל אפשר ניט האבין קיין אנדער ארט כלומר יענע פעלקר וועלן זיין אונווירסנדע פון גאטהייט גלייך וויא דיא פארצייטיגע היידין. זאג איך דיר ניין ונלוו גוים רבים אל יי' וגו' והיו לי לעם ושכנתי בתוכך די גרעסטע טייל פון זייא וועלן שוין גוט זיין אויף גיקלערט אין דיא ידיעות פון בורא יתברך דאס זייא וועלן זיך רעכענען פאר מיין פאלק. פון דעסטוועגן וועט מיין עיקר אכסניא בייא דיר זיין. וכן יהי רצון במהרה בימינו אמן:

גאך איין פשט אויף די פסוקים רני ושמחי וגו' דעם כופל לשון רני אונ שמחי אויך נאך כמה דקדוקים. ווערט דאס רעכט מיט אמשל. איין סוחר איז גיקומען מיט כמה זארטן סחורה אין אשטאט וואס דארטין וואונן פיל קרובים זיינע. ער איז אריין גיפארן צו איין ארימען קרוב אונ האט בייא אים אין הויז פאר קויפט גאר דיא סחורה. פאר זיין אפ פארין האט ער אלע קרובים בעשיינקט מיט מתנות אונ דעם ראזיגן קרוב פון שטאנציע האט ער גיגעבן צווייא מתנות אין דאפיל איינם פר פריינדשאפט אונ דאס אנדערע פאר דירה געלט בפרט דאס ער האט בייא אים אין הויז גוט גילייזט פר זיינע סחורה. דער נמשל איז וויא עס איז ידוע דאס דורך דעם וואס אידין זיינען פר שפרייט גיווארן אין דר גאנצער וועלט איז אלעמען באוואוסט גיווארין פון תורת משה אונ מציאת ה'. השגחת ה'. אונ שכר ועונש וכדומה ריינע אמונות אונ מדות טובות ביז לסוף וועלין אפילו אלע היידין אויך גלויבין אין דעם בורא יחיד ומיוחד. וויא עס איז גישריבין אין צפניה כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם יי' לעבדו שכם אחד. דאך וועלין דיא ישראל באקומען צווייא טייל אין רוח הקודש פאר דעם שכר וואס הקב"ה האט דורך זייא גילייזט פר זיינע סחורה. דרום זאגט השי"ת רני ושמחי דו טאכטער ציון בדארפסט זיך צווייא מאל פרייען כי הנני בא ושכנתי בתוכך ונלוו גוים וגו' דען ווייל איך האב גירועט מיט דיר אין גלות האבן זיך פיל פעלקער באהעפט צוא גאט. ושכנתי בתוכך דאהער וועל איך רוען אין דאפיל בייא דיר. היינו ונחל יי' את יהודה חלקו על אדמת הקדש איינם וועט ער לאזין ארבין צוא יהודה זיין חלק מיט אלעמען גלייך אויף דיא היילינגע ערד ובחר עוד בירושלים אונ נאך וועט ער אוים דר ווילין אין ירושלים. כלומר נאך מיט איין חלק קדושה מעהרער וועט ער זיי צו טיילין ווייל צוא ליב זייא האט ער אוים גיגעבין זיינע סחורה דאס הייסט די תורה מיט אלע ידיעות וועלכע זיינען שייך צו די היילינגע אמונה:

## פרשת שלח

שלח לך אנשים אין מדרש שטייט הקב"ה האט אזו גיזאגט צו משה רבינו ע"ה. איך

נייס וואס פר איין לאנד ארץ ישראל איז . נאר אויב דוא ווילסט דוקא שיק זיך מרגלים זייא זאלין איר אפריער אויס זעהן . דא איז קשה היתכן אז מען פרעגט איין עצה ביי איין חכם גדול וועט ער דען ענטפערין טוא וויא דו ווילסט . נוא ווען יענער וואלט וועלין שטעלין אויף זיין אייגענעם פר שטאנד דאן וואלט ער דאך קיין עצה פרעגן ביי אים . אויך ווארום אז יהושע האט גישיקט מרגלים האט הקב"ה ניט מקפיד גיוועזן אונ דא האט ער יוא מקפיד גיוועזן . דאס וועט פאר ענטפערט ווערן מיט אמשל . איין פאר פאלק פלעגין זיך שטענדיג צאנקען צווישן אנאנד . די סבה דר פון איז גיוועזן ווייל ער האט גהאט אזון פון די ערשטע ווייב אונ זיא אטאכטער פון ערשטין מאן . ער האט גישריען דוא גנבעסט פון מיר פר דיין טאכטעריל אונ זיא פלעגט אים ענטפערן אז דו גיסט אלין אוועק דיין זון וויא דר שטייגר איז בעונותינו הרבים ביי די צווייטע פאר פאלק דאס איינר וואלט וועלין אויף עסין דעם צווייטינס קינדר בפרט אשטיף מוטער . זייא אליין האט דאס אויך זייער גיקריינקט ווייל אויסער דעם זיינן זייא פון נאטור גיוועזין ארענטליכע לייט האבין זייא גיפרעגט ביי איין חכם איין עצה דער צו וויא צו שטילין דעם פייער פון מחלוקת אונ פון די קנאה שנאה . האט ער גיהייסין זייא זאלין טאן אשידוך מיט זייערע ערשטע קינדר צווישין זיך . אונ אזו איז גישעהען . פון דאמאלס אן האבן זייא שוין גילעבט אין גרויס שלום ושלוה . אונ וואס מעהר זייא האבין זיך דר מאנט אן די קינדער האט זיך אדרבה נאך מעהר אלין גישטארקט ביי זייא דיא אהבה צווישין אנאנד . דר נמשל איז אטיפר מוסר צו די מדה פון בטחון וואס דאס איז כמעט איין עיקר אין עבודת הבורא יתב' . ווען מיר גיפינען דרייערליא מדרגות אין מדת הבטחון . ערשטינס גיבט איינער וואס איז פאר זונקען אין הבלי עולם יענער דייגעט גאנץ ווייניג וועגין השגחת הבורא

ית' ער מיינט דער עיקר העלפין אים זיינע סבות . דאס הייסט זיין גרויס חכמה . זיינע בריה שאפט אונ די גוטע גישעפטין וואס ער האט . צווייטינס גיבט דאס גאר דער גרויסר מאן וואס איז אפגילייגט אויף תורה ועבודה אונ זוכט קיין סבה צוא פרנסה אזו וויא דר תנא רבי שמעון בן יוחאי . וויא די גמרא ברייננגט אין מסכת ברכות . ווייל זיין בטחון אין הקב"ה איז זייער שטארק אונ איז אמאמין באמונה שלימה אז גאט ב"ה וועט אים בוודאי צו שיקין מיט זיין גרויס חסד אן אשום סבה . אונ ווען ער זאל עפים זיך בענוצן מיט אייגענע התחכמות היינו מיט אסבה צו זיין פרנסה . הייסט דאס ביי אים וויא איין כפירה אין השגחה חלילה . דריטינס איין מיטיל פאל צווישין די ביידע מדרגות . עס איז גימיינט וויא דער סדר עולם איז מען אקערט מען זייעט מען פירט גישעפטין מען האנדילט אדער מען טוט איין מלאכה אונ מען האט בטחון אויף הקב"ה אז דורך דיא סבה וועט ער צו שיקין חיות אונ אן זיין רצון איז גאר נישט דאס הייסט איין שידוך דר עולם הגשמי מיט דעם עולם הרוחני דען דאס איז אגרם מען זאל בכל רגע דר מאנען דעם בורא יתברך וויא די תורה האט גיבאטין וברכך בכל אשר תעשה גאט וועט דיר בענטשין ווען דו וועסט וואס טאן . אונ ניט ווארטן אז עס וועט דיר אראפ פאלן פארטיגע פון הימל ווייל דער אופן בטחון פאסט נור פר דעם דור המדבר וואס זייא האבין גיזעהען גינוג נסים ונפלאות דרום האבן זיי גיקענט ארויס גיין אין איין וויסטין מדבר אונ ניט פרעגן קיין קשיא וואס וועלין מיר דארטן קריגין וואס צו עסין אדער וויא רבי שמעון בן יוחאי דאס גלייכין זיינע חברים דיא חסידים וקדושים . איצונד וועלין מיר זיך קערן צו אונזר מדרש . הקב"ה זאגט איך ווייס וויא גוט די לאנד איז פאר אייך כלומר אונ איר וואס איר האט גיזעהן זעלבסט מיט אייערע אויגין דיא אלע נסים פון יציאת מצרים דארפט איר שוין

האבין די גרעסטע מדרגה בטחון און ניט ברויכן קיין סבה און איינגענע התחכמות פון שיקן אפריער מרגלים כדי איר אויס צו זעהן וויא דר שטייגר פון די וואס ווילין גיין איין נעמן אפרעמדע לאנד אבר דאס וואס יהושע בן נון האט גישיקט מרגלים איז וייל זיין דור זיינן נור גיוועזן די קינדר פון די וועלכע זייא זיינן ארויס פון מצרים און זיי זעלבסט האבן מיט דיא אויגין ניט גיזעהען נור גיהערט פון זייערע עלטערין. דרום קען מען ניט פאר גלייכין דאס הערין צו זעהן. נאר אויב דוא ווילסט דוקא שיקן אויס זעהער היינו וייל דוא פר שטייסט אז די ישראל זיינן איצונד שוואך אין די גיהויבענע מדרגה פון בטחון. און ברויכין צו טאן אשידוך צווישין זיך כדי צו פר שטארקין די אהבה. כלומר בענוטצן מענטשליכע מיטלן פר בונדין מיט האפענונג צו השי"ת אויף יעדער טריט וייל דאס וועט פר דיא שוואכע לייטין זיין אפעולה צו דער מאנען זיך אן השי"ת אום מתפלל זיין צו אים ער זאל זייא באהילפיג זיין דאס הייסט דער מיטל פאל בטחון אין דעם אופן קענסטו שיקן אויס זעהר:

ותשא כל העדה ויתנו את קולם דער מדרש שרייבט דאס מיינט דר פסוק ותרגנו באהליכם. תרגנו מאכט תרתם גנות דאס טייטש איר האט נאך גיזעהען שאנדע אויף ארץ ישראל וייל הקב"ה האט איר גירופין מיטין נאמען ארץ טובה (איין גוטעם לאנד). דר מדרש פרעגט איז דען אסברה אז נור וייל הקב"ה האט איר גילויבט דרום האבין זיי איר געשענדעט אזו וויא אויף להכעיס צוא טאן דעם בורא ית' כביכול. דר דור המדבר איז דאך גיוועזן איין דור דעה צדיקים וחסידים נוא וויא אזו קען מען אויף זייא אזו זאגן. דר תירוץ איז מיט אמשל. איינער איין מפורסם בחסידות וואס כל ימיו איז ער גיזעסן און גלערינט בפרישות האט ער בעדארפט טאן אשידוך מיט זיין זון. איז גיקומען אשדכן און האט אים פאר גילייגט אשידוך מיט איינעם אנכבד. ענטפערט ער דעם שדכן. מיין קינד איז בייא מיר זייער טייער דרום קען איך ניט אן הייבן ריידן וואו איך וועל אפריער אליין ניט זעהן מיט מיינע אויגין דעם מחותן און דיא כלה אויך דיא גאנצע הנהגה פון זיין הויז. און אזו האט ער גיטאן ער איז אריבער גיפארן אהין און עס איז אים אלין דינג זייער גיפעלין גיווארין און האט דארטן גימאכט תנאים אן די ווייב און אן דעם חתן. וויא ער איז גיקומען צוא פארין צוריק אהיים האט ער גימאכט איין מזל טוב וויא דר סדר עולם פירט זיך און אז מען האט אים גינומען פרעגין וועגין דעם מחותן און די מחותנתטע און די הויז זייערע האט ער אלעם זייער גילויבט. לסוף האט מען אים אן גיהויבין פרעגן וועגן דעם עיקר קרן דאס הייסט די כלה. רופט ער זיך אפ. די מעלות אירע צו דר ציילין איז אונמעגליך נאר בקיצור וועל איך אייך זאגין איר גלייכין האב איך אין דר וועלט ניט גיזעהן. וויא דר זון האט דר הערט די ווערטר איז ער גיווארן זייער טרויעריג. איז די מוטער צו גיגאנגען און פרעגט אים. מיין זון שטייסט דו הערשט וויא דר פאטער לויבט אזו דיין כלה און אן שטאט וואס דוא בדארפסט זיך פרייען גאר אן אשיעור ביסטו גאר טרויעריג. ענטפערט ער איר די זאך איז אזו. דו ווייסט דאך וויא ווייט מיין פאטער איז אפ גישייד פון אלע ענינים וואס איז נור שייך צו דר וועלט. וואס עפים גוט שיין איז בייא אים טרייף און מיאוס וייל זיין גאנצע השתדלות איז נור ארום יענע וועלט און דאס איז זיין גאנצן גישמאק נון גיווים אז ער לויבט איר אזו מסתמא איז זיא אמנוולת אין דר וועלט זיא זיצט אונטערין אויבין און ווייס ניט פון דר ווייסער וועלט. ווען ניט וואלט ער קיין גוט ווארט אויף איר גירעט. נוא וויא אזו זאל איך ניט זיין טרויעריג. די מעשה איז אזו די אידין האבן בעטראכט דיא תורה און גיזעהען אין איר שטייט גישריבן דאס טאר מען ניט און דאס טאר מען ניט. האבן זייא גירעכינט אז דר

גישמאק פון השי"ת כביכול איז נאר תורה ועבודה און מען זאל ניט נהנה זיין וואס אהאר ווערט פון דער וועלט. דער ענין איז אבער ניט אזוי. דען דער בורא ית' וואס ער ווערט אן גירופין מיט דעם נאמן טוב ומטיב האט חלילה ניט גיגעבין דיא הייליגע תורה לרעה נייערט לטובה. און מיר מוזין גלויבין אז די אלע זאכין וועלכע די תורה האט אונז פר באטין איז בוודאי פון אונזר טובה וועגין הן בגוף הן בנפש. וויא מיר גיפינען פון כמה חכמים אין איצטיגע צייטין גישריבין וויא שעדליך חזיר איז צום גזונט און וויא נוטציג עס איז דר ענין פון מילה וכדומה. דען הקב"ה וויל אויך דאס מיר זאלין נהנה זיין פון עולם הזה אבער נור אין גוטע אירדעשקייט ארענטליך וויא פאסיג עס איז מיט יראת שמים. דער בעווייז אויף דעם איז ווייל ער האט אונז צו גיטיילט דיא פעטע לאנד ארץ ישראל וואס זיא איז זבת חלב ודבש. איצטער וועט רעכט ווערין אונזר מדרש ותרגנו וגו' שקראה הקב"ה ארץ טובה ער מיינט צו ליב דעם וואס הקב"ה האט דיא לאנד גילויבט דרום האט איר אדרבה איר בערעט ווייל איר האט זיך גירעכינט דאס זיין גוסט איז נור עולם הבא אזוי וויא יענער חסיד זאגט שבחים אויף דיא כלה בוודאי נוצט זיא צו עניני עולם הזה גאר גישט. און איר האט ניט בערעכינט אז די מדות פון הקב"ה צו די ברואים איז נור אויף גוטעס דען גיוויס האט ער ניט בשאפין אזו איין שיינע וועלט אום זיא זאל פוסטעווען און פון איר ניט גיניסין:

דער מדרש שרייבט פריער האבין אלע גילוסט אריין צו קומען אין ארץ ישראל און איבער די זינד זייט איר פון איר פר טריבין גיווארין אבער לעתיד לבוא אז איר וועט שוין מעהר ניט זינדיגן. דאן וועל איך אייך פאר פלאנצין אין איר מיט איינע רוהיגע פאר פלאנצונג. אז דער פסוק שרייבט ונטעתים על אדמתם ולא ינתשו עוד מעל אדמתם הקב"ה זאגט איך וועל זייא איין פלאנצין אויף זייער ערד און מעהר וועלין זייא שוין ניט אויס גיריסין ווערין פון זייער ערד. דער מאמר ווערט ערקלערט מיט איין משל. צוויא שכנים ראובן און שמעון זיינען ביידע גיוועזין בעזדזעטניקס זיינען זיי גיפארן צו איין גרויסין צדיק האט ער זייא גיזאגט אייערע ביידינס ווייבר וועלן ביידע גיבארן דעם יאהר זכרים און איר קענט אייך טאקע באלד פארין אהיים נור וויא די קינדר וועלין ווערין דרייא יאר אלט זאלט איר זייא בריינגען צו מיר. כך הוה עס איז בייא ביידין גיבארין גיווארן זכרים. קוים זייא האבין איבער גיווארט די דרייא יאר האבן זייא גיבראכט דיא קינדער צום צדיק. וויא דר צדיק האט זייא דר זעהן רופט ער זיך אפ דו ראובן דיין זון וועט זיין איין קדוש וטהור פון קיין תאוה וועט ער ניט וויסין. נייערט זיין חשק וועט זיין אריין גילייגט אין די הייליגע תורה. און אויף דעם אנדערין האט ער גיזאגט דוא שמעון דיין אינגעל וועט אויס וואקסין א שרעקליכר בעל תאוה איין הולטאי און ווער העט שוין מכח לערנען. נאטירליך איז דער פאטער אוועק גיפארין אהיים איין אומרוהיגער. עס איז אוועק א יאהר צוויא וואס קען דאס אבער העלפין מען מוז פארט געבין דעם הולטייא אויך אין חדר. די ביידע שכנים האבן דיא קינדר אוועק גיגעבן צו איין מלמד. דא איז גיווארין גאר אהיפך ראובנס דער גוטער אינגעלע פלעגט קיין מאל ניט וועלין אן הייבן גיין אין חדר דר רבי פלעגט פון אים האבין גאר די צרות עס איז אים ניט גיוועהן איין צו ריידין מיט קיין זאך ער זאל וועלין לערנען און שמעונס פלעגט אדרבה גיין מיט שמחה און לערנען מיט חשק. ראובן איז אוועק צום צדיק און דר ציילט אים :" מעשה. שמעונס אינגעל וויא נור דר באהעלפער קומט און דר לאנגט אים איין עפיל ניסליך וויא דר שטייגער איז אזו גלייך לויפט ער מיט אים און לערינט און מיינער גיט אוואך דיא נאשערייא אין צורה און אנטלויפט איבערו דיא גאסין.

ענטפערט אים דער צדיק זייא רוהיג מיט אים. א קינד דארף ניט וועלין לערנן ווייל ער האט נאך קיין געפיל אין דעם נאר דער הולטאיי ווייל ער איז שוין איין גיבארענער בעל תאוה שלעפט אים דר ווילע דר עפיל די ניסלאך צום לערנען אונ אז ער וועט ווערין עלטער אונ וועט דר שמעקן גרויסע תאוות דאן וועט ער גיוויס גאר אוועק ווארפין די תורה אונ לויפין נאך די תאוות נאך. ואבער דיין אינגעלע ווייל ער איז אקדוש מבטן אמו ווייס ער גאר ניט וואס איז דאס תענוגי עולם הזה. אונ די עפיל מיט ניסליך וכדומה זעהן ביי אים אויס אז די גרעסטע דומחייטין נון וויא אזו זאל מען אים דאמיט קענען איין ביידין אין חדר גיין. ווארט אבר ביז וואנען ער וועט נאר עפים איין געפיל בעקומן אין דער תורה דאמאלם וועסטו זעהען וויא ער וועט דאס אן נעמען פאר די בעסטע סחורה. אונ אויסר דעם וועט ער אויף קיין זאך ניט קוקין. דר נמשל איז אזו בכלל אלין גייט ארונטער אונטר צווייא זאכן היינו ערב (זים) ומועיל (נוטציג). נוא איצטער וועט רעכט פערשטענדליך ווערין דר מאמר פון אונזער מדרש בעולם הזה הכל מתאוין לכנס לארץ ישראל בעולם הזה האבן אלע גילוסט אריין צו גיין אין ארץ ישראל כדי צו עסין די גוטע זיסע פירות פון איר דאס איז ביי זייא גיווען דער עיקר כוונה. אונ דאס וואס זייא האבין מקיים גיוועזין דיא מצות איז נור גיוועזין איין צו ליב זאך וויא איין קינד לערינט צו ליב ניסלאך. אונ וויא באלד אז יוא אזו האט זיך דרום אימער די תאוה ביי זייא גישטארקט אונ וויא זייא האבין דר קענט וואס אוועלט איז היינו זיך בעקאנט מיט זייערע שכנים יענע פערדארבענע פעלקער האבין זייא די תורה הקדושה גאר פר לאזין אונ באהעפט זיך צו די תאוות רעות וואס דאס האט גורם גיוועזן ארויס צו טרייבן אייך פון ארץ ישראל אין גלות אריין. אבר לעתיד לבא ווייל קיין חטאים וועט מער ניט זיין. אז עס שטייט גישריבין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ דר יצר הרע וועט אפ גיטאן ווערין. דאמאלם וועט איר נור זוכין מויל וואס נוטציג עס איז. דאס הייסט איר וועט דר קענען די מעלה פון תורה ומצות אונ נור דער צו וועט איר זיך באהעפטין אונ אלע תאוות וועט איר גאר אוועק לייגין אן אזייט. דרום וועט שוין קיין גלות אויך ניט זיין אונ איר וועט פר פלאנצט בלייבין אין דיא הייליגע לאנד אויף אימער וויא עס איז גישריבן ונטעתים על אדמתם ולא ינתש עוד מעל אדמתם במהרה בימינו אמן סלה:

ואולם חי אני וגו' אם יראו את הארץ עם טייטש והקב"ה האט גישווארן דאס איבר דעם חטא פון מרגלים וועלן זייא קיינער ניט אריין קומן אין ארץ ישראל נור זייערע קינדר. דר מדרש שרייבט אמשל. איין שר האט אפ גירעט אשידוך פיר זיין זון מיט איינע בערימטע כלה בכל המעלות האט דער זון גיזאגט איך וועל איר אליין גיין זעהן. רופט זיך אפ דער פאטר ווייל דו גלויבסט מיר ניט שווער איך אויב דוא וועסט איר אן זעהען בייערט איך וועל איר איבר געבן פר דיין זון. אזו הקב"ה האט גיזאגט אז זייא איז אגוטע לאנד אונ זייא האבן גיזאגט נשלחה אנשים לפנינו מיר ווילין שיקן אויס זעהר. דרום האט ער שוין אפריער גישווארין דאס זייא וועלן איר ניט אן זעהן נור די קינדר זייערע. עס איז איין קשיא וויא אזו פארט האט לכתחלה הקב"ה גישווארין. אמענטש איז דאך אבעל בחירה נון קען דאך גימאלט זיין אז דיא מרגלים וואלטין אפשר גוטעס גירעט אויף די לאנד דאן וואלטן זייא דאך שוין יוא אריין אין ארץ ישראל. בפרט מיר גיפינן אז זייא האבן תשובה גיטאן אונ השי"ת האט זייא מוחל גיוועזן דעם דאזיגן חטא. וויא עס איז גישריבן אין די פרשת הננו ועלינו וגו' כי חטאנו אויך גאט ב"ה האט גיענטפערט צו משה רבינו סלחתי כדברך. דאס אלץ וועט מתורץ ווערין מיט אמשל. איינער האט גיהאט אין די גידערים איין גיפערליכין פעלער ער האט אראפ גיבראכט צו זיך איין

גרויסין דאקטאר. האט ער בעטראכט זיין קראנקהייט און זאגט שרעק זיך ניט יענער און יענער האט אויך גיהאט ריכטיג אז דיין פעלער און איך האב אים אויס גיהיילט. פרעגט דער קראנקער זאג מיר פארט מיט וועלכע מיטלען האסטו אים גיזונט גימאכט. ענטפערט אים דר דאקטאר וואס האט דאס צו דיר אביא דו וועסט גיזונט ווערין. זאגט דר קראנקער איך וויל דוקא וויסין. און אז דו זאגסט מיר ניט וועל איך גיין בייא יענעם פרעגן. רופט זיך אפ דר דאקטאר וויא באלד דוא האסט אין מיר קיין אמונה ניט שווער איך דיר אז דוא וועסט פון דיין קראנקהייט שטארבן און איז ארויס מיט כעס. נאכהער אז מען האט גיפרעגט דעם דאקטאר ער זאל אויס זאגין וויא אזו עס איז גימאלט דאס דורך דעם קראנקינם נאך פרעגין זיך וועט ער מוזין שטארבן. האט ער אזו גיענטפערט. די מעשה איז אזו יענעם האב איך אפריער איין גיגעבין אשלאף טרונק און האב אים אויף געשניטן די בויך און צו רעכט גימאכט די גידערים עס זאל ליגין איטליכס זאך אויף זיין ארט איז ער גיזונט גיווארן. נון ווען דר צווייטר קראנקער וועט זיך דר פון דר וויסין געווים וועט ער זיך שרעקין און ניט וועלין די שרעקליכע אפאראציע ממילא וועט ער שטארבן פון זיין קראנקייט. די זאך דר פון איז אזו. עס איז ידוע דאס דיא שבע אומות פון לאנד כנען זיינן גיוועזן גרויסע גבורים און הויכע ריזין דאס על פי טבע איז קיין סברא ניט גיוועזן זייא איין צו נעמן. נור על פי נס דאס השי"ת זעלבסט זאל פר ישראל שטרייטן וויא דיא אותות ומופתים פון יציאת מצרים און אז הקב"ה האט זייא מבטיח גיוועזין דאס ער וועט זייא אריין פירן אין לאנד כנען. האבן זייא בעדארפט האבין אמונה אז עס איז געווים זיכער און ניט שיקן אפריער אויס זעהר אום עס זאל דאס ניט זיין עפים אשטער צו זייער מוט און בטחון. ווארום וויא זייא וועלין דר זעהן אזעלכע גבורים וועט געווים

אן הייבין בייא זייא צו פאלין איין ספק אין דיא הבטחה פון דעם בורא ית' און קלערין וויא קען דאס זיין זיך צו שטעלין אנטקעגין אזעלכע העלדין און דיא שוואכקייט גופא וועט זיין אסבה דאס זייא זאלין ניט קענ ן אריין גיין אין לאנד וויא זייא האבין טאקע גיזאגט לסוף אפס כי עז העם וגו' כלומר עס איז אלין רעכט נור דאס פאלק כנען זיינן זייער שטארק. דרום האט גאט ב"ה גישווארן אז זייא וועלין בשום אופן שוין ניט קענן אריין קומען ווייל דורך די מרגלים וועלין זייא זיך דער וויסין דעם סוד וויא שרעקליך דיא אפאראציאן מוז צו גיין און ווען אפילו דורך תשובה וועט השי"ת זייא מוחל זיין דעם חטא. דאך איז קיין פעולה ניט דר צו ווייל זייא זייגען דורך דעם גיווארן שוועכליגע אי אין בטחון צו השי"ת אי אין אייגענם מוט. און די לאנד פאסט שוין: נור פאר די קינדער זייערע וואס זייא וועלין אדרבה דער הערין אידיעה דורך די מרגלים וועלכע יהושע בן נון וועט שיקין דאס די כנענים זיינן זייער דר שראקינע און שוואכע אנטקעגן דאס פאלק ישראל וויא עס שטייט ווייטער אין דיא הפטרה פון די סדרה:

# הפטרת שלח

ידעתי כי נתן יי לכם את הארץ וגו' ונשמע וימס לבבנו וגו' היינו רחב האט אזו גיזאגט צוא דיא מרגלים וועלכע יהושע בן נון האט גישיקט. איך וויים דאס גאט האט אייך אוועק גיגעבין די לאנד ארץ ישראל און אז מיר האבין דער הערט איז צוגאנגען גיווארן אונזר הארץ און קיינער האט קיין מוט ניט זיך צוא שטעלין אנטקעגין אייך. וויא אזו רחב האט גיוואוסט זיכער אז די לאנד גיהערט שוין גיווים צו דיא ישראל פר שטייט מען מיט דאס וואס דר ילקוט שרייבט אין תהלים אויף דעם פסוק קוה קויתי אל יי ויט אלי וישמע שועתי דוד האט אזו גיזאגט פון וואס איך האף צו גאט פר שטייא איך אז איך קען ווייטער האפין דאס ער וועט געווים צוא הערין מיין גישרייא כלומר די מדה פון בטחון איז אפעולה אז מען זאל טאקי גיהאלפן ווערן

און

און פון דעם רשע נעמט השי"ת צו די דאזיגע גוטע מדה מסילא ווערט ער ניט געהאלפין. מיר געפינען אין מסכת ברכות הלל הזקן האט אמאל געהערט אגרויסין לארעם אין שטאט האט ער זיך אפ גירופן מובטחני שאין זה בביתי דאס הייסט ווייל מיין בטחון איז שטארק אין הקב"ה דרום איז דאס גישרייא פון אונגליק געווים ניט בייא מיר אין הויז. און אזו זאגט דער פסוק אין תהלים משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה' דאס טייטש ווען עם הערט זיך עפים בייז דארף דער צדיק קיין מורא האבין ווייל זיין הארץ איז פעסט אין בטחון אויף גאט ב"ה אויך שטייט אין תהלים והבוטח בה' חסד יסובבנו דעם בעל בטחון רינגלט ארום גאטס חסד. דעם זעלבינגן סימן זאגט רחב ידעתי וגו' וכי נפלה אימתכם וגו' ויִמַס לבבנו וגו' ווייל די גאנצע פאלק אונזערע שרעקין זיך פאר אייך און קיינער האט קיין בטחון דאס השי"ת קען זייא מציל זיין. דער פון פר שטייא איך דאס גאט ברוך הוא האט אייך שוין איבער גיגעבין אונזער לאנד:

ועתה השבעו נא לי בה' כי עשיתי עמכם חסד ועשיתם וגו' חסד ונתתם לי אות אמת וגו' ועשינו עמך חסד ואמת היינו רחב זאגט אזו צוא דיא צווייא אידעשע אוים זעהער וועלכע זיא האט זייא באהאלטין פון דעם מלך יריחו. שווערט מיר בייא גאט דאס וויא איך האב מיט אייך גיטאן חסד זאלט איר מיט מיר און מיט מיין פאטערס הויז גיזינט אויך טאן חסד און איר זאלט מיר געבין אצייכן אויף אמת דאס איר וועט אונז לאזין לעבין האבין די אוים זעהר איר צו גיזאגט דאס זייא וועלין מיט איר טאן חסד און אמת. די מפרשים פרעגין ווארום מישט זיא דעם לשון חסד נאכהער אמת און זייא ענטפערן איר אויך חסד מיט אמת. מיר וועלין דאס רעכט מאכין מיט אמשל. איינער האט גיוואלט שיינקען זיינעם איין אוהב נאמן אוויכטיגע מתנה פון איניגע טויזינט טאלער. ער האט אבער מורא גיהאט פר די ווייב זיא וועט ניט צו לאזן. וואס האט ער גיטאן האט ער דעם גוטין פריינד ארוים גיגעבין איין געאקטעווערטין וועקסיל אויף די דאזינגע סומע געלט כתוב וחתום מיט עדות דאס ער איז אמחויב אים איין צוא צאלין ביז יענעם און יענעם טערמין אן אשום טענה. דאן האט שוין די ווייב גיטוזט שטיל שווייגין ווייל דר מאן איז דאך שוין יעצט אמחויב באמת על פי דין איין צוא צאלין דעם וועקסיל דען בעת טערמין הייסט דאס שוין מער ניט אמתנה בתורת חסד נייערט איין אמתר חוב. מיר געפינען אין דר תורה השי"ת האט גימאכט איין זיכערהייט מיט אברהם אבינו ע"ה און האט גישווארן צו געבין זיינע קינדר ארץ ישראל. אום דער מדת הדין זאל נאכהער ניט קענען מקטרג זיין ווייל דאן וועט שוין השי"ת כביכול זיין אמחויב באמת. אזו וויא מיכה הנביא זאגט תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם דאס הייסט אין אן פאנג צוא אברהם האסטו גיוואלט געבין בתורת חסד נור צו ליב דעם וואס דוא האסט צוא אים גישווארין דארפסטו שוין באמת געבן זיינע קינדר. דאס גלייכין האט רחב גירעט צוא דיא מרגלים איך האב מיט אייך אין אנפאנג גיטאן חסד דרום דארפט איר מיט מיר אויך נור טאן חסד. דען אזו איז דאס שולדיגקייט אוים צוא העלפין איינער דעם אנדערין אין אנויט. נאר מיין פארלאנג איז דאס איר זאלט מיר צו שווערין אויף דעם. דאן וועט איר שוין באמת זיין מחוייבים על פי דין דאס צו מקיים זיין. און אז זייא האבין איר שבועה אן גענומען זאגין זייא ועשינו עמך חסד ואמת כלומר דאס וואס פריער איז בייא אונז נור גיוועזין איין חסד וועלן מיר שוין איצונד מוזין מקיים זיין באמת צו ליב דיא שבועה:

## פרשת קרח

וידבר אל קרח וגו' בוקר ויודע ה' וגו'. דער מדרש שרייבט משה רבינו האט אזו גיזאגט צו קרח מיט זיין גאנצע גימיין. אזו גוט וויא השי"ת האט אפ גיטיילט טאג פון נאכט און איר קענט ניט צו מישין ביידע צו זאמען וויא עס שטייט ויהי ערב ויהי בקר ויבדל אלהים בין האור ובין החשך דאס גלייכין האט ער אפ גישייד אהרן הכהן צו דיא הייליקייט אזו וויא עס איז גישריבין ויבדל אהרן להקדישו קדש קדשים וגו' און איר קענט עס ניט מבטל זיין עס איז נייטיג צו פר שטיין אלעם וואס נור הקב"ה האט באשאפין קען מען דאך ניט איבער מאכין נון ווארום זאגט ער זייא איין בייא

שְׁפִּיל דַוְקָא פוּן לִיכְטִיגְקַייט אוּנ פִינְסְטֶערְנִ...
דָאס וֶועט רֶעכְט וֶוערִין מִיט אַיין מָשָׁל.
אַיינֶער אִיז אַרַיין בַּייא נַאכְט אִין אַקְרָאם
קוֹיפִין סְחוֹרוֹת. פְרֶעגְט אִים דֶר סוֹחֵר וֶועלְכֶע
אַרְטִיקוּלִין פָאדֶרְט אִים אוֹיךְ וֶועלְכֶע סָארְטִין
טַייעֶרֶע אָדֶער וָואלְוֶועלֶע. עֶנְטְפֶערְט דֶער
קוֹיפֶער וָואס אִיז אַייךְ דִיא נַפְקָא מִינָה וֶוען
דִי מֶקָחִים זַיינֶען פוּן אַלֶע מִינִים גְלַייךְ. הָאט
גִיחַאפְּט דֶר קְרֶעמֶער אוּנ אוֹיס גִילָאשְׁן דִיא
לִיכְט. פְרֶעגְט דֶר קוֹיפֶער פַרְוואוּנְדֶערְטְהֵייד
וָואס טוּסְטוּ דָאס. עֶנְטְפֶערְט אִים דֶר קְרֶעמֶר
וֶוען בַּייא דִיר אִיז קַיין חִילוּק נִיט פוּן סָארְט
צוּ סָארְט אוּנ פוּן גוּטֶע בִּיז פְּרָאסְטֶע נוּן וָואס
בְּרוֹיכְסְטוּ גָאר לִיכְטִיקַייט נֶעם אִיצוּנְד אִין
דֶר פִינְצְטֶר וָואס נוּר עֶס וֶועט דִיר אִין הַאנְט
אַרַיין פַאלִין. דֶער נִמְשָׁל אִיז דָאס. הַשִּׁי״ת
הָאט בַּאשַׁאפִין לִיכְטִיגְקַייט אוּנ אַנְטְקֶעגִין
דֶעם אִיז דִיא חָכְמָה פוּן דֶער תּוֹרָה. אוֹיךְ
פִינְסְטֶערְנֶעס אוּנ אַנְטְקֶעגִין זַיינֶען דִי הֲבָלִים
פוּן דֶער וֶועלְט וִויא דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית
שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם פָּסוּק וַיִּקְרָא אֱלֹהִים לָאוֹר יוֹם
עֶס טַייטְשׁ גָאט הָאט גִירוּפִין צוּ דִי לִיכְטִיקַייט
טָאג דָאס אִיז גִימַיינְט דִי מַעֲשִׂים פוּן צַדִּיקִים
וְלַחֹשֶׁךְ קָרָא לָיְלָה אוּנ צוּ דִיא פִינְסְטֶערְנֶעס הָאט
עֶר גִירוּפִין נַאכְט דָאס אִיז דִיא מַעֲשִׂים פוּן
רְשָׁעִים. אוּנ מִיט דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן חָכְמַת
הַתּוֹרָה קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם חִילוּק פוּן
אַיין מֶענְטְשִׁין וָואס עֶר אִיז אַקָדוֹשׁ אַצַדִּיק
בִּיז דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס עֶר אִיז פוּן אַיין
נִידֶערִיגֶע מַדְרֵגָה אִין דִי בְּחִינָה פוּן קְדוּשָׁה
אָדֶער גָאר אַיין רָשָׁע. נוּן אָבֶר קֹרַח אַז עֶר
הָאט דָאס נִיט פַרְשְׁטַאנֶען אוּנ זָאגְט כָּל הָעֵדָה
כֻּלָּם קְדוֹשִׁים דִי גַאנְצֶע גִימַיין זַיינֶען אַלֶע הֵיילִיגֶע
גְלַייךְ אַז מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אוּנ דִי וֶוערְדֶע פוּן אַלֶע
סְחוֹרוֹת זַיינֶען בַּייא אִים אַיינְס אִם כֵּן אִיז
דָאס לִיכְט אוּנ דִיא חָכְמָה גָאר קַיין פְּעוּלָה
נִיט אוֹיף דֶר וֶועלְט אוּנ כִּמְעַט אַז אִיבֶּערִיג.
אֶלָּא וִויא עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ מְבַטֵּל צוּ זַיין
דָאס לִיכְטִיגְקַייט. דָאס גְלַייכְן אִיז קַיין סְבָרָא
נִיט מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי כְּהוּנָּה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן:

הַמְעַט מִכֶּם כִּי הִבְדִּיל וגו׳ לְהַקְרִיב וגו׳ וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם
כְּהֻנָּה. לָכֵן אַתָּה וְכָל עֲדָתְךָ הַנֹּעָדִים עַל יְיָ. מֹשֶׁה זָאגְט
צוּ דִי בְּנֵי לֵוִי א׳ ז׳ דֶען וֵוייניג פוּן אַייךְ דָאס
גָאט הָאט אַייךְ אָפּ גִישֵׁיידְט פוּן אַלֶע יִשְׂרָאֵל
אוּנ אַייךְ גִינֶענְהֶענְט צוּ זִיךְ. אוּנ אִיצוּנְד פַר
לַאנְגְט אִיר נָאךְ דִי כְּהוּנָּה אוֹיךְ. דְרוּם אִיר
אַלֶע הָאט זִיךְ נוּר פַאר זַאמִילְט אוֹיף גָאט.
דִיא פְּסוּקִים וֶועלִין מִיר גוּט עֶרְקְלֶערִין מִיט
אַמָשָׁל. אַיין שְׂרָרָה וָואס הָאט גִיהַאט אוּנְטֶער
זִיךְ גִינוּג אַייגֶענֶע פָאדַאנֶעם. אִיז גִיוֶועזִין
זַיין שְׁטַייגֶער דָאס עֶר פְלֶעגְט יֶעדִין דִינֶער צוּ
טַיילִין פֶעלְדֶער נָאךְ זַייעֶרֶע קְרֶעפְטִין נָאךְ אוּנ
אִיטְלִיכֶער פְלֶעגְט אִים מוּזִין צוּ שְׁטֶעלִין גָאר
דִיא פַארְטִיגֶע תְּבוּאָה דֶר פוּן בִּיז אִין שַׁייעֶר
אַרַיין. אַמָאל אִיז גִיקוּמֶען אַיינֶער פוּן דִיא
קְנֶעכְט קְלָאגִין פַר דֶעם שְׂרָרָה וָוארוּם טַיילְט
עֶר אִים צוּ אַיין פֶעלְד אוּנ נִיט צְוַוייא. וִויא
דֶר שְׂרָרָה הָאט דָאס דֶר הֶערְט הָאט עֶר דִי
אַיינְצִיגֶע פֶעלְד אוֹיךְ צוּ גִינוּמֶען פוּן אִים.
בַּייא אַלֶעמֶן אִיז דָאס גִיוֶועזִין אַוואוּנְדֶער מֶען
זָאל זִיךְ נִיט וֶועלִין שַׁאפִין מִיט אַזוֹ אַיין
פְלַייסִיגֶען אוּנ אַיין טְרַייעֶן דִינֶער דָאס וִויפִיל
אַרְבֶּעט מֶען גִיט אִים אוֹיף אִיז אִים אַלְץ
וֵוייניג. רוּפְט זִיךְ אָפּ דֶער שְׂרָרָה אִיךְ וֶועל
אַייךְ עֶרְקְלֶערִין. עֶס אִיז יָדוּעַ אַז קַיין קְנֶעכְט
ווילְט זִיךְ נִיט שְׁוֶוער אַרְבַּייטִין. אוּנ וַוייל דֶר
בֶּעט אַרְבַּייט נָאךְ מֶעהְר אַז דֶער חוֹב וָואס
לִיגְט אוֹיף אִים גִיוִויס אִיז עֶר קַיין עֶרְלִיכֶער
מַאן נִיט אוּנ נֶעמְט בְּוַדַּאי אַרָאפּ דֶער פוּן
גִינוּג תְּבוּאָה פַאר זִיךְ אוּנ דַאהֶער ווילְט זִיךְ
אִים נָאךְ אַיין פֶעלְד כְּדֵי עֶר זָאל הָאבִּין פוּן
וַואנֶען נָאךְ מֶער צוּ גַנְבֶנֶען דְרוּם נֶעם אִיךְ
אִיצוּנְד פוּן אִים דִיא עֶרְשְׁטֶע פֶעלְד אוֹיךְ
אַוֶועק. דֶר נִמְשָׁל אִיז וִויא דֶר מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט
אִין פַּרָשָׁה מִקֵּץ הָרְשָׁעִים מִתְקַיְּמִים עַל אֱלֹהֵיהֶם דִיא
רְשָׁעִים מַיינֶען נוּר צוּ הָאבִּן דוּרךְ גָאט אַקִיוּם
כְּלוֹמַר דֶר עִיקַר כַּוָּנָה זַייעֶרֶע אִיז דֶעם שְׂכַר
פוּן דִי מִצְוָה אָבֶּער נִיט דִיא מִצְוָה גוּפָא אוּנ
צַדִּיקִים מַיינֶען פַרְקֶערְט. דֶר מֶדְרָשׁ בְּרֵיינְגְט
רְאָיוֹת פוּן פְּסוּקִים. דִי כַּוָּנָה רֶעט מֹשֶׁה צוּ

די גימיינדע פון קרח המעט ממכם וגו' כלומר ווייל איר בעט די עבודות פון כהונה אויך דרום באדארף מען די עבודות וואס איר האט יצוין (אונ איר טענת עס איז אייך ווייניג) אויך צו נעמען פון אייך דען איר האט דאך גינוג עבודות מיט וואס צו דינען הקב"ה וויא ער רעכינט אוים להקריב וגו' לעבוד וגו' אונ דאך בעט איר נאך אונ נאך לכן אתה וגו' על יי מסתמא מיינט איר נור דעם שכר פון דער מצוה כדי דורך דיא מצות פון השי"ת זאלט איר איין קיום האבין בעולם הזה. אונ איין עיקר כונה איז נור דאס פאר דינסט ניט די מצוה גופא אונ אזעלכע פאלשע דינער בארף השי"ת ניט:

דער מדרש שרייבט אין איוב שטייט וישכון ערים נכחדות בתים לא ישבו למו אשר התעתדו לגלים דאס איז גימיינט דעם קרח. דען ער איז גיוועזין בייא פרעה איין ממונה איבער דיא אוצרות אונ דער פון האט ער פאר זאמילט זייער פיל עשירות האט הקב"ה גיזאגט צו אים בתים לא ישבו למו היינו דוא וועסט אבער דאס ניט פר ניטצין אשר התעתדו לגלים ווייל זייא זיינן גיוועזן אן גיגרייט פר די ישראל וועלכע זייא האבין גיליטין גלות. דעם פירוש פון דעם מאמר וועט ערקלערט ווערין מיט איין קורצין משל. אין אקרעטשמע איז אמאל גיקומן איין קישעניק ער האט ארום גיטאנצט ארום דיא האלב בעזויפענע שיכורים כדי עפיס וואס פון זייא צו בעקומן. האט דער קרעצמר אים אן גינומן פארין קארק אונ וויל אים ארויס ווארפן. טענת דר קישעניק גיט האב קיין מורא איך בין ניט גליך צו אנדרע מיין גלייכן דען אין מיין לעבן האב איך קיין פרוטה ניט גיגנבעת בייא איין שיכר. רופט זיך אפ דר בעל הבית וואס מאכט מיר אוים צו בייא זייא צו בייא מיר. דען פיל געלט זייא האבן יעצט וועלין זייא דאך באלד פר שיכרין דא בייא מיר אונ אז דו וועסט בייא זייא ארויס גנבנן וועט פר מיר ניט בלייבין. דר נמשל איז דאס. השי"ת האט צו גיזאגט אברהם אבינו ע"ה דאס גאר די עשירות פון מצרים זאל איבר גיין צו די ישראל וויא עס שטייט ואחרי כן יצאו ברכוש גדול אונ אז קרח האט איבער גישלעפט אגרויסין טייל פון פרעהס אוצר פאר זיך הייסט דאס ער האט בעגנבעט די ישראל. וואורום ווען ניט ער וואלט דאך גיהאט צו זייא אן גיקומן. דאס דרשינט דר מדרש וישכון ערים נכחדות דער קרח האט גירוט אין פרטיליגטע שטעט כלומר אין פלוג וואס האט מען צו אים סייא וויא סייא וואלט דאך ניט בלייבין בייא פרעה. פון דעסט וועגין זאגט הקב"ה בתים לא ישבו למו ער וועט ניט בלייבין זיצין אין די הייזער. היינו ער וועט איין גיזונקן ווערן מיט דעם איינגענש צו זאמן אשר התעתדו לגלים ווייל דאס איז גיוועזין פון לאנג אן אנגיברייט פיר די אידין וואס זייא האבן גיליטין גלות. אונ אז ער האט גיגנבעט פון פרעה הייסט דאס גיגנבעט פון די אידין:

## הפטרת קרח

כי לא יטש יי את עמו בעבור שמו הגדול כי הואיל יי לעשות אתכם לו לעם. שמואל הנביא זאגט צו די ישראל. גאט ב"ה וועט ניט פר לאזין זיין פאלק פון וועגין זיין גרויסין נאמען דען גאט האט גיוואלט אייך מאכין צו אים פאר איין פאלק. גרונטיג צוא פאר שטיין דעם פסוק וועלין מיר דר מאנען נאך צווייא פסוקים אין דעם אופן. אין מלאכי שטייט כי גדול שמי בגוים אמר יי צבאות הקב"ה זאגט מיין נאמען איז גרוים צווישין די פעלקער. אויך שטייט אין תהלים ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם יי פון דעם ארט וואס די זון הייבט אן שיינען ביז דעם ארט וואו הין זיא גייט אונטער דאס הייסט אויף דיא גאנצע וועלט ווערט גאטס נאמען געלויבט. נון בעדארף מען ווייסין וואורום איז אלץ דר מאנט שמי אדר שם יי היינו דר נאמן פון גאט. דאכט זיך גענוג ווען עס וואלט שטיין כי גדול אני (איך בין גרוים) אדר מהלל יי. דאס ווערט רעכט מיט איין משל. איין געוויסער דוכס וואס ער האט פאר מאגט זייער פיל קנעכט דערפער אונ שטעט זיין נאמען איז גיוועזין גרוים אומעטום אבער אים זעלבסט האבין זיינע ווייטערדיגע דינער ניט

גיקענט פערזענליך . וואס האט זיך איינער איין רמאי מיישב גיוועזין ער איז ארום גיפארן אין די ווייטע גיטער זיינע אין דעם נאמן פון דוכס. נון פר שטייט זיך דאס וואו נאר ער איז גיקומן האט ער זיך ניט גענארט ער האט פר זאמילט איין גרויסין פארמעגינס אונ דער צו כבוד אן אשיעור. לסוף אז דר דוכס האט זיך דר וואוסט פון דיזע פאלשקייט נאטירליך איז יענער בעשטראפט גיווארין נאך זיינע מעשים נאך אויך האט ער שטארק פראיבעל גיהאט אויף זיינע קנעכט ווארום זייא זיינען גיט פארזיכטיג אין דריין כדי צו דר קענן דעם אונטערשייד פון אמת ביז שקר . דאך אבר האט ער זיך דאמיט גיפרייעט אונ גיהאט איין שטארקין נחת רוח . וייל דר פון איז ארוים צו קוקין קלאר וויא זייער געאכטעט אונ וויא ווייט חשוב ער איז דאס בייא זייא . דען ווען עס האט זיך גיטראפן דאס איינער האט זיך נור פערשטעלט אין זיין נאמען זיינען זייא שוין אלע צו ציטערט גיווארין אונ האבן אים צו גיחאפט בכבוד גדול . דר נמשל איז דאס . אלע פעלקער פון אפריקא די היידין וועלכע זייא דינען צו אלע נארעשקייט איז דאס גיט מחמת רשעות נייערט מחמת זייא לעבין אין טעות אונ מיינען אז דאס איז דער אמתער גאט . נמצא איז דאך דר נאמען פון הקב"ה בייא זייא אפילו אויך גרוים . דרום שטייט דר לשון כי גדול שמי וגו' וייל זייא דינען די פאלשע געטר איז דאס איין בעווייז וויא גרוים מיין נאמן איז בייא זייא . אם כן וואלט מען אפשר וועלין מיינען אז השי"ת בעגניגענט זיך מיט זייער דינסט דרום זאגט דר פסוק כי לא יטש יי' את עמו בעבור שמו הגדול דאס טייטש גאט ב"ה וועט ניט פר לאזין זיין פאלק ישראל פון וועגין די פעלקר וועלכע זייא האלטין פון זיין גרויסין נאמען כי הואיל וגו' דען גאט וויל איך מאכן פר זיין פאלק וייל איר ווייסט צו דר קענען די ריינע אמונה אונ דינט אים אליין :

דער מדרש רות שרייבט . דא שטייט כי לא יטש וגו' שמו הגדול אונ אין תהלים איז גישריבין כי לא יטש יי' עמו ונחלתו לא יעזוב זאגט רבי איבו ווען די ישראל זיינען פרום העלפט זייא גאט וייל זייא זיינן זיין פאלק אונ זיין ארב ווען ניט איז צו ליב זיין גרויסין נאמען . די נפקא מינה דער פון וועלין מיר פר שטיין מיט איין משל . איין פאטר האט גיהאט צווייא זין איינער איז גיוועזן איין צו לאזינער . דער פאטער פלעגט פון אים ליידין חרפות בזיונות . אונ דער אנדערער איז גיוועזן דאס געגינטייל זייער ארינטליך אמענטש אנכבד וויא ווייט עס קען געבין . ביידע קינדר האבן גיוואוינט אין איין אנדער שטאט . ויהי היום אז זייא זיינען גיקומען צו פארין צום פאטר צו גאסט האט ער זייא ביידין פריינדליך אן גינומן וויא דר שטייגר איז אפאטר מיט קינדר דר חילוק איז אבער דאס גיוועזין . דעם גוטין זון האט ער אליין דר לאנגט אלץ בדרך כבוד אונ מיט ליבשאפט . נאך מער ער האט מקרב גיוועזין אפילו דעם פורמאן זיינעם אונ אויך זיין פערד . ער האט גיהייסין באלד מען זאל דעם פערד אריין פירין אין שטאל אונ שיטין פאר אים האבער אונטער ווארפין הייא אונ אכטונג געבן אויף אים . דעם אנדרין זון אבר אים האבן שוין דר לאנגט עסן די משרתים נאך דעם אז ער האט שוין גינוג דער מאנט אונ גיבעטין אונ אז ער איז שוין גיוועזין גוט פאר הונגערט אויך נור בדרך חיונה אונ אפט פלעגט ער מוזין אליין גיין זוכין אין קיך אונ אין קעלער וואס צום עסין . אונ ווען עס האט זיך שוין יוא אמאל גיטראפין דאס ער האט גיגעסין מיטין פאטער צו זאמען אויפין טיש האט דר פאטער אים ניט גיקענט קוקין גלייך אין צורה . אונ ווען ער פלעגט אים יוא דר לאנגען אחלק האט ער אים דער לאנגט מיט רוגזה עס פלעגט אמאל מחמת דעם דער חלק אראפ פאלען אונ איין גישמוצט ווערין פון דער ערד . דער זון פלעגט עסין נור פון נויט . ווער רעט שוין וועגן השגחה אויף זיין יונג אויף זיין פור . וייל מען האט אלץ נור גיטאן פון יוצא וועגין דען ער איז דאך פארט אזון דרום פאסט דאס פארין פאטר ניט ער זאל אים גאר אין גאנצין ארוים טרייבן . דר ענין דר פון איז אזו . בשעת אידין זיינען גיוועזן פרום אין ארץ ישראל האט השי"ת זייא גיגעבין השפעה מיט שמחה פון זיין אייגינע האנט אונ זיין ברכה האט גירוט אויף אלם דינג וואס איז גיוועזין שייך צו זייא אז עס איז גישריבן יאר יי' פניו אליך וגו' השי"ת וועט דיר ווייזין אפרייליכע מינע . ווידר שטייט אין פרשה תבוא ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך וגו' די אלע ברכות וועלין דיר אן קומען גלייך אין האנט אריין . גם זאגט

דער

דר פסוק אין פרשה עקב ואהבך וברכך וגו' לא יהיה בך עקר ועקרה ובבהמתך אפילו אויף דיינע בהמות וועט אויך רוען די ברכה. אבער אין תוכחה שטייט פערקערט ארור וגו' שגר אלפיך וגו' חייך תלואים לך מנגד וגו' ווידר איז געשריבן אין יחזקאל לחמם בדאגה יאכלו דאס הייסט די שטיקיל ברויט וועט אויך אן קומען דורך שווינדיל און מיט גרויסע צרות. און דיא בהמות וועלין געוויס ליידין ווייל דער גאנצער חיות אין גלות איז דורך משרתים די שרים של מעלה און הקב"ה שיקט אונז צו נאר כדי יוצא צו זיין ווייל עס פאסט פר אים ניט דען מיר זיינען דאך פארט זיינע קינדר בני בכורי ישראל. איצונד וועלן מיר זיך קערן צו דעם מדרש וואס מיר האבין אן גיהייבן רבי איבו זאגט אין די צייט ווען דיא ישראל טוען ניט דעם רצון הבורא יתברך ווערין זייא געשפייזט נור בעבור שמו הגדול פון וועגין זיין גרויסין נאמן. דאס הייסט ווייל מיר זיינן דאך זיינע קינדר דרום פאסט דאס ניט פר זיין הייליגין נאמען אונז גאר צו פאר לאזין. אבער אז מיר טוען זיין רצון שטייט כי לא יטוש יי' עמו ונחלתו וגו' דאס טייטש השי"ת פר לאזט אונז ניט ווייל מיר זיינען איין טייערע פאלק זיינע און זיין ערבטייל און דאמאלס איז די השפעה פון השי"ת מיטין פולין האנט:

## פרשת חקת

וידבר יי' וגו' זאת חקת התורה אשר צוה יי' לאמר דבר וגו' ויקחו אליך פרה וגו' דאס טייטש גאט האט גירעט צו משה ואהרן אזו צו זאגין דאס איז דאס גיזעטץ פון די תורה וועלכע גאט האט גיבאטין צו זאגן רייד צו דיא קינדר ישראל זייא זאלן נעמן איין פרה אדומה איר פאר ברענען דר פון זאל זיין צו ריינינגען דאס טומאת מת. עס איז קשה די זיבין ווערטר היינו פון זאת וגו' ביז לאמר זיינן פשוט איבעריג. גינוג עס זאל שטיין וויא געוויינליך וידבר וגו' לאמר דבר אל וגו' גם איז קשה ער הייבט אן ריידין מיט משה און אהרן אם כן בעדארף דאך נאכהער שטיין דברו (רעט) און עס שטייט נאר דבר (רייד וויא מען זאגט צוא איינעם). דאס וועט פר ענטפערט ווערין מיט א משל. איינער א גרויסער שפל ערך אזו ווייט דאס קיין רעכטער מענטש האט קיין מאל ניט גירעט מיט אים. איז מיט דער צייט אויך גיקומן און גיווארין זייער רייך דר גרעסטער גביר אין שטאט עס האט זיך אים שוין אן גיהייבן גילוסטין יחוס וויא דר שטייגער איז פון די לייטין. ער האט גישיקט רופין איין שדכן און זאגט צו אים גייא צו אונזער רב און רייד צשידוך מיין זון מיט זיין טאכטער איך ווייס ער וועט אין אנפאנג אפילו זייער בייז הערן און וועט דיר ענטפערין דברים רעים. אבר צו דיר האט דאס ניט איך וועל דיר פר יעדעס גאנג גוט בעפרידיגן. און עס קען זיין אז לסוף זאל טאקי רעכט ווערין בייא דעם רב. עס איז אזו גיוועזן דר שדכן איז גינוג גיקראכין און מיט זיין גלאטין צינגעלע האט ער רעכט גימאכט ביז עס איז גישלאסן גיווארין דער שידוך עס איז שוין נאך דער חתונה און דר רב הייבט ניט אן ריידין מיטן מחותן איין ווארט. נאטירליך האט דאס אים זייער פר דראסין ביז דאס איז אן גיקומן צום רב. רופט זיך אפ דער רב. דער שוטה מיינט דאס דר שידוך איז טאקע אפאסיגע זאך פאר מיר. דרום איז אים קשה א מחותן זאל זיין אזו פרעמד מיט דעם אנדערין. ניין ער זאל וויסין זיין דאס דר שידוך פאסט פר מיר גאר ניט עד היום דאהער איז גאנץ רעכט וואס איך רייד אווארט ניט מיט אים. דיא קשיא איז נור ווארום האב איך פון אן פאנג מיט אים גיטאן און די קשיא בלייבט טאקי אן אשום תירוץ. דר נמשל איז אזו. הקב"ה איז גיווארין איין מחותן מיט איין מענטשין אזו איין שפלע בריה. ער האט אים גיגעבין דיא תורה זיינע איין טייערע טאכטר. און אז דר מענטש לערינט תורה און קומט צו אזעלכע מצות וואס דער שכל נעמט ניט צו און קיין טעם ווייס מען ניט. צום ביישפיל פרה אדומה שעטנז. כלאים וכדומה. דאן איז אים א תמיה ווארום הקב"ה רעט ניט מיט אים פה אל פה. דאס הייסט ווארום האט הקב"ה ניט מפורש

געוועזין דריקליך פאר וואס עס איז אזו דאס אונ דאס. דר מענטש באדארף אבער וויסין דאס איינגענטליך איז ער גאר ניט ווערט אזו אשידוך דרום איז קיין חידוש ניט וואס ער פר שטייט ניט כמה ענינים. דר וואונדר איז אדרבה אויף די מצות וועלכע ער האט זייא יוא זוכה געוועזין צו פר שטיין. דרום פאר די פרשה פון פרה אדומה וועלכע די מצוה איז איין חק נאר אן אטעם האט הקב"ה גיזאגט צו משה אונ צו אהרן זאת חקת התורה אשר צוה יי לאמר כלומר מער חק אונ וואונדר איז אויף די פרשטענדליכע מצות התורה דרום זאל אייך קיין וואונדער זיין וואדום שטייט ניט היר דריקליך אטעם. איצונד דבר וגו' דוא משה רייד פאר זייא די דינים פון די פרה אדומה. דען אז דוא וועסט זייא ערקלערן די הקדמה וועלן זיי שוין מער קיין טעמים פון דיר פאדערן:

דער מדרש הייבט אן דרשענען אין קהלת שטייט כל זה נסיתי בחכמה שלמה המלך ע"ה האט אזו גזאגט אין אלע מצות פון דר תורה האב איך גיקלערט אונ געפונען אויף אלין אטעם אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני אבער וויא איך בין גיקומען צו די פרשה פון פרה אדומה האב איך קיין טעם ניט געפונען. שטייט ווייטער רחוק מה שהיה דאס טייטש עס איז נאך ווייט וויא עס איז פאר דעם געוועזן ועמוק עמוק מי ימצאנו אונ עס איז גאנץ טיף ווער זאל דאס געפינען. עס איז נייטיג צו פר שטיין וואדום איז שלמה אזו פיל מאריך אין לשון. דער פשט פון פסוק וועט אבער גוט רעכט ווערין מיט צווייא משלים. דער ערשטער משל. איינער האט בעדארפט מאכן איינע ווייטע רייזע בערך אמייל טויזינט. אז ער איז אפ גיפארן העלפט וועג פרעגט אים איינער וואו הין פארט ער ענטפערט ער איך האב נאך אגאנץ ווייטע נסיעה. נון פאר שטייט מען דאס ער מיינט ער האט נאך פאר זיך אווייטע וועג אבער דאך נעהענטער אלס פון אנפאנג. אבער שלמה המלך ע"ה זאגט אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני איך האב גיוואלט פארשטיין דעם ענין

פון פרה אדומה. אבער עס איז ווייט פון מיר אונ ניט מיינט אז עפיס בין איך יוא אין דריין אריין גיפארן אונ בין נעהענטער אלס פריער זאג איך אייך ניין רחוק מה שהיה (גלייך אז עס וואלט גישטאנען מיט אכף כמה שהיה) כלומר עס איז נאך ווייט גאר דיא זעלבינגע וויא פר דעם איידר איך האב נאך אן גיהייבן קלערין אין דריין. דר צווייטער משל איז. איין אורח איז גיקומען אין אגרויסע שטאט קויפין ספרים. אז ער איז פר בייא גיגאנגן איין הויז זעט ער עס שטייט אויף גישריבין היר געפינט זיך צום פערקויפין אלע מיני ספרים אונ אלער האנט ביכער. ער פאדרט וואס אים נייטיג איז גיוועזן אונ מען דער לאנגט אים אלעם אויסער איין בוך ניט. יענער פרעגט וואס איז די מעשה. ענטפערט מען אים ווייל דר געווויסר בוך איז פר ווערט פון מלוכה מען זאל אים ניט לייענען נון פר וועמען זאלין מיר אים האלטין ווען קיינער וועט אים ניט קויפין. דר ענין דער פון איז אזו. עס שטייט אין מלכים א' ויתן יי חכמה לשלמה וגו' כחול אשר על שפת הים פר טייטשט דא דר מדרש דאס שלמה אליין האט גיהאט אזו פיל חכמה פיל בייא אלע אידין צו זאמען דען דא איז געשריבין ויתן וגו' כחול אשר על שפת הים גאט האט גיגעבין חכמה צו שלמה וויא פיל זאמד בייא דעם ברעג ים. אונ בייא דיא ישראל איז גישריבין כחול אשר על שפת הים כדי אויב ווער עס וועט אים וואס פרעגין אטעם פון אמצוה זאל ער וויסין צו ענטפערן. אבר די מצוה פון פרה אדומה איז פר ווערט צו פרעגין אונ קלערין אויף איר איין טעם. וויא עס שטייט גישריבין זאת חקת התורה דרשינט דר מדרש הקב"ה האט אזו גיזאגט איך האב גוזר געוועזין דעם חק פון פרה אדומה אונ איר האט קיין רשות צו קלערין אין דריין. אם כן צו וואס זאל שלמה וויסין דעם סוד דר פון ווען קיינער פון די ישראל וועט אים ניט פרעגן. דאס זאגט שלמה אין קהלת ועמוק עמוק מי ימצאנו דאס טייטש דר ענין פון פרה אדומה

איז

איז זייער טיף פון מיר ווייל עס געפינט זיך ניט איינר וועלכער זאל אין דריין קלערין צו געפינען וויא די חכמים דרשנן חקה חקקתי גזרה גזרתי ואין לך רשות להרהר אחריה היינו מיט איינעם ווארט דאס איז איין חק אונ מען טאר אין דעם גאר ניט טראכטן פר וואס עס איז אזו:

דער מדרש שרייבט רבי יהושע דסכנין זאגט אין דעם נאמן פון רבי לוי. אויף יעדר דין פון טומאה האט הקב"ה באלד גיזאגט צו משה רבינו ע"ה דעם דין וויא זיך צוא ריינגן דר פון. נור אז ער איז גיקומען צו די פרשה אמור דאס הייסט צו טומאת מת אונ משה האט גיפרעגט וויא מען זאל זיך ריינגען דער פון. האט הקב"ה אים ניט גיענטפערט. איז ער ביא זיך גיווארן גיפאלן ביז ער איז גיקומען צו די פרשה פון פרה אדומה דאן זאגט הקב"ה צו משה דאמאלס האב איך דיר ניט גיענטפערט אונ איצונד זאג איך דיר ולקחו לטמא מעפר שרפת החטאת מען זאל נעמען דיא אש פון איר אונ שפריטצין אויף דעם טמא וועט ער ריין ווערן. דיא קשיא איז ווארום האט השי"ת אים תיכף דאס ניט מגלה גיוועזן. מיר וועלן דאס רעכט מאכין מיט איין משל. איין גרויסער עשיר האט אמאל גיפרעגט ביא איין ארימען גאס מענטש וואס זעהט אויס גאנץ שיין אונ גוט ביין לייב. זאג מיר וואס איז דיין גיוואונליכע עסין. ענטפערט ער ברויט מיט זויערס דר צו אביסיל גרויפין. האט דר רייכר אויך אזו אן גיהויבין זיך פירין. עס האט ניט גידויערט אכט טאג אונ דר רייכער איז גיווארן שוואך קראנק האט ער גישיקט רופין דעם ארימאן אום פרעגין די סבה דר פון. אונ מיט וואס איז ער עפים אנדערש פון אים. זאגט דער ארימאן איך וועל דיר געבין צו פארשטיין. ווען איך שטייא אויף אין דר פריא האב איך קיין נראשין געלט ניט עס גידויערט אגאנצן טאג אידר איך קלייב צו זאמען קוים אויף דאס טעגליכען חיות אונ אז איך קום אהיים ביא נאכט מיט מיינע פרדינטע צוייא דריא גילדן אונ די וייב אונ קינדר דר זעהען מיך ווערט אגרויסע שמחה. מען קויפט באלד איין לעביל ברויט דער צו קאכט מען וואס אויס אפילו מיט נישט דאך איז דער פרגניגן אן אשיעור וויא ביא דעם גרעסטן מאלצייט מיר עסין מיט אפעטיט עס גייט אונז איין אין קריפטען אונ דרום זעהן מיר אויס ב"ה פיין אונ דיק. דו אבר ווען עס ליגט דיר פר די אויגין מעדני מלכים טוא וואס פר אצורה קען ביא דיר האבן די טרוקענע ברויט מיט גרויפין. דרום ביסטו נאך קראנקר גיווארן.

דר נמשל איז אזו. אין דאס רוב מצות פון דר תורה קען מען פילן איין טעם מיטן שכל. דרום האט הקב"ה גלייך פאראויס גיזאגט דעם דין וויא זיך צו ריינגן פון יענע טומאות. אבר פרה אדומה איז אטרוקענער חק. אונ ווען ער וואלט דאס תיכף אויס גזאגט וואלט דיא מצוה זייא גאר ניט גיקראכין אין קאפ ווייל עס איז קיין טעם דר צו דא דרום האט ער זייא גילאזט גוט זיך אויס הונגערין ביז וואנען זייא האבין זיך גיוואונצין האטשע וואס עס איז נור צו באקומען איין מיטיל וויא זיך צו ריינגין פון דיא טומאת מת אונ דאן אז הקב"ה האט זייא פאר גיזאגט דעם מיטל פון פרה אדומה האבן זייא זיך דאמיט זייער גיפרייט אונ קיין שום טעם שוין ניט מער גיפרעגט:

על כן יאמרו המושלים בואו חשבון תבנה ותכונן עיר סיחון וגו' די גמרא אין בבא בתרא טייטש דעם פסוק אזו על כן וגו' דיא צדיקים וועלכע זייא גיוועלטיגין אויף זייער יצר הרע זאגין בואו חשבון קומט לאמיר האבין איין חשבון הנפש וואו מיר האלטין פארט אין דר וועלט. די מפרשים פרעגין אייגענטליך ווערט דא גאר גירעט וויא אזו סיחון מלך האמורי האט אוועק גינומען דיא שטאט חשבון פון מלך מואב. נון וויא אזו פאלין אויס די חכמים ז"ל צו מאכן גאר דר פון איין מוסר. דר מיין דער פון איז אבער דאס. אלע גלויבין דאס השי"ת וייס פון אלעם אונ ער שטראפט פר

אלע

אלע זינד . אונ דאך איז מען פאר נארעשט אין תאוות אונ הבלים די סבה איז ווייל כל זמן מען איז גיזונט אונ רייך מיינט מען אז עס וועט אימער אזו גוט זיין . דען דער נארעשר מענטש פר געסט אז זיינע זיכערע פלעגער הייגן אויף איין האר אונ עפים איין קרומער בליק פון הקב"ה קען אלעס גיך פר קערט ווערין ח"ו צו לער . מיר גיפינן מואב איז בייא זיך גיוועזין בטוח אנטקעגין דיא ישראל ווייל הקב"ה האט זייא פאר באטין אל תצר את מואב וגו' מען זאל מיט מואב קיין קריג פירן אונ וויא זייא האבן גזינדיגט האט השי"ת גימאכט דאס סיחון זאל אים איין נעמן . אונ ווייל דאס הייסט שוין סיחונס לאנד האבן שוין נאכהער די אידין גימעגט צו נעמן פון אים . אז וויא די חכמים ז"ל זאגן אין חולין עמון ומואב טהרו בסיחון דיא כוונה ליגט אין אונזער מאמר על כן יאמרו וגו' כלומר דר פון וואס חשבון איז אן גיקומן צום מלך סיחון איז צו בארעכינען וויא וייט דר מענטש איז קיין בטוח ניט מיט אלע זיינע גליקין :

## הפטרת חקת

ויאמר יפתח לזקני גלעד הלא אתם שנאתם אותי ותגרשוני וגו' עס טייטש יפתח האט אזו גיזאגט צו דיא עלסטע פון גלעד איר האט דאך מיר פיינט אונ איר האט מיר ארויס גיטריבן פון מיין פאטערס הויז . נון ווארום זייט איר איצונד ווען אייך איז איינג צו מיר גיקומען בעטן דאס איך זאל ווערין איין הויפט מאן איבער אייך . דיא מפרשים פרעגין צווייא קשיות אין דעם פסוק . ערשטין דיא ווערטער שנאתם אותי (איר האט מיר פיינט) זיינען איבעריג גינוג עס זאל שטיין הלא אתם גרשתוני . צווייטינס זיינע ברידר האבן דאך אים פר טריבן וויא עס איז גישריבן פריער אין דעם קאפיטיל . אם כן פאר וואס ווארפט ער גאר דעם שולד אויף די זקני גלעד אונ זאגט דאס זייא האבן אים ארויס גיטריבן . אלעס וועט אבר מתורץ ווערן מיט איין דריטע קשיא וועלכע די ראשונים פרעגין . היינו אין מסכת שבת זאגט די גמרא ירושלים איז חרוב גיווארין נור ווייל איינר דעם אנדערן האט קיין מוסר גיזאגט . אונ אין יומא שטייט גישריבן דאס זייער חטא איז גיוועזין נור איבער שנאת חנם . נון זיינען דאך דיזע ביידע מאמרים זיך דר ווידער . נאר דער ענין דר פון איז אזו . עס גיבט צווייערלייא שיכורים . היינו איינער וואס ער האט הנאה צו טרינקען פיל משקה אונ ער גיט נאך זיין תאוה ביז ער ווערט בדלות דורך דעם . אויך טרעפט אמאל דאס ער אליין טרינקט ניט פיל אבער זיין נאטור איז אימער מכבד צו זיין אנדערע מיט משקה . אונ הגם ער זעלבסט האט ווייניג הנאה דאך ווערט ער בדלות דורך דעם וואס דיא פרעמדע לייטין טרינקן . דאס גלייכין עס איז פר האנדין איין עונש רחמנא ליצלן פאר דעם בעל עבירה זעלבסט . דאך איז דאס נאך ניט אזו אפערדרום ווייל ער האט דאך פארט עפים אמאל נהנה גיוועזין דער פון . עס גיט אבער אמאל איינער וואס האט קיין עבירה גיטאן נאר ער ווערט גישטראפט איבער יענעמס עבירות . עס איז גימיינט וויא די חכמים ז"ל זאגן אונז אין מסכת שבת דר וועלכער עס האט ביכולת צו ווערין אונ צו שטערין אימעצין פון איין עבירה אונ איהם קימערט ניט דער פאר . דאן ווערט ער גישטראפט גלייך דאס ער זעלבסט וואלט גיהאט גיטאן די זעלבע עבירה . נאר אלין קשה ווארום ווילט זיך אים טאקי ניט זאגין מוסר דעם חבר . דר תירוץ איז אוים הוילע קנאה שנאה . כלומר מחמת מען האט זיך פיינט צווישין אנאנד דרום ווילט זיך דאס דער צווייטער זאל טאקע טאן איין עבירה אום דורך דעם וועט ער ליידין פורעניות דורך השי"ת אונ בזיונות פון לייטן . גם ווען מען האט פיינט דעם מוכיח אונ מען פעראכטעט אים ממילא קריכט זיינע תוכחה גאר ניט אין מוח . אז די תורה הקדושה זאגט אין פרשה קדושים לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך אויב דו וועסט ניט פיינט האבן דיין ברודר דאן וועסטו שוין אים יוא וועלין זאגין מוסר ולא תשא עליו חטא אונ וועסט שוין מער ניט ליידין צו ליב זיין זינד דאס הייסט דוא וועסט ניט בדלות ווערין פון יענעמס שיכרות וויא אין יחזקאל שטייט ואתה כי הזהרת רשע וגו' את נפשך הצלת ווען דוא האסט מתרה גיוועזין דעם רשע אונ ער הערט דיר ניט האט שוין דאס מער צוא דיר ניט . נמצא אי

רעכט ביידע מאמרים ווייל שנאת חנם אונ ניט וועלן מוסרין זיינען ביידע וויא איינם דען דיא ערשטע איז דיא סבה פון די צווייטע. איצונד וועלן מיר זיך צוריק קערין צו די הפטרה. יפתח זאגט צו די זקנים הלא אתם שנאתם אותי ותגרשוני וגו' איר האט מיר פיינט אונ איר האט מיר ארויס גיטריבין פון מיין פאטערס הויז כלומר ווייל צווישין אייך גילט קנאה שנאה ממילא האט איר ניט גימוסרט מיינע ברידער אונ ווייל איר זייט דיא רעכטע לייט פון שטאט דאס אייך וואלטן זייא גיוויס גיהארכט אונ איר האט זייא גאר גיסט אוים גירעט דרום הייסט דאס גלייך אז איר זעלבסט האט מיר ארוים גיטריבין :

# פרשת בלק

ויאמר בלק אל בלעם הלא שלוח וגו' האמנם לא אוכל כבדך. בלק זאגט צו בלעם ווארום ביסטו דעם ערשטין מאל ניט גיגאנגן צו מיר כלומר אונ האסט גיווארט ביז וואנען איך האב צו דיר גישיקט די פיל גרויסע הארן. ציא וועל איך דען ניט קענן דיר כבוד אפ געבן. דר מדרש שרייבט ער האט דאמיט נביאות גזאגט דאס בלעם וועט טאקי פון אים אוועק גיין מיט בזיונות. וויא אזו דאס ליגט אין די ווערטער זיינע וועלן מיר דאס געבין צו פר שטיין מיט איין משל. איין דאקטער האט זיך אן גינומן אוים צו היילן איין קראנקען פון איין גרויסן קראנקייט פר אגיוויסע סומע געלט. אונ האט שוין גיבעטין דיא געלט אפריער. רופט זיך אפ דר קראנקר פון דיינע רייד בין איך שוין גיווארין בייא זיך זייער גיפאלין. גיוויס רעכינסטו אז איך וועל שטארבין אונ דיין גיצאלט וועט זיין פאר פאלין דרום ווילסטו אריין האפין פאר אוים. דאס רעט בלק צו וואס האט זיך דיר גיוואלט אריין האפן דעם כבוד איידער דוא האסט די אידין גישאלטין האמנם לא אוכל כבדך וועל איך דיר שפעטר ניט קענן אוועק געבין דיינע כבוד. נור בוודאי רעכינסטו אז דו וועסט גאר ניט קענן העלפין וויא די מעשה איז גיוועזן אונ דרום וועסטו לסוף פון מיר אוועק גיין מיט בזיונות :

וישא משלו ויאמר מן ארם ינחני בלק וגו' ארה לי יעקב וגו' דאס טייטש בלעם זאגט זיין שפראך אזו. בלק האט מיר אראפ גיבראכט פון ארם פון די בערג וועלכע אין מזרח זייט. אונ הייסט מיר שילטין דעם יעקב אונ צארענען אויף ישראל. דיא קשיא ווארום באדארף ער דער ציילין פון וואנען ער איז גיקומן. וועט מתורץ ווערן מיט איין משל. איין בעל דרשער פון אלומפיגע שטעטיל וואס אירע איינוואונער זיינען גיוועזן גראבע לייט שלעכטע מענטשין אונ בעלי מחלוקת איז ער גיקומען אין איין כרך דורך אוים אדעל. פרומע לומדים וחכמים. אונ איז ארויף אין שול אויפין בימה שטראפין דעם עולם פאר דעם חטא פון מחלוקת וכדומה. ער האט זייא גישאלטין מיט קללות נמרצות. האבן זיך די לייטין צו אים אפ גירופן. שוטה דוא ווארפסט אוועק דיין פארדארבענע שטעטיל וועלכע זיי זיינען גייטינ טאג טעגליך צו אזעלכע זלזולים אונ פראסטע מוסר אונ ביסט גיקומען אוים גיסען דיין נאנצין צארן אויף אזעלכע לייטין וועלכע זייא ווייסין גאר ניט וואס מדות רעות ומחלוקת איז. דאס זאגט בלעם צוא בלק מן ארם וגו' כלומר פתי איינר. דו ברייננסט מיר אראפ פון ארם די רעכטע פארדארבענע פעלקער. אום איך זאל צארינען אונ שילטין דאס ארענטליכע אונ פרומע פאלק ישראל :

אין מדרש ווערט גידרשנת אויף בלעם דר פסוק פון תהלים אהבת רע מטוב וגו' גם אל יתצך וגו' ושרשך מארץ חיים. דאס הייסט דוא האסט בעסר גיליבט בייזעם אלס גוטעם אלזא וועט דיר גאט אוים ווארצלען פון דאס לעבענס לאנד היינו ער וועט ניט זוכה זיין צו עולם הבא. מען דארף פר שטיין דער ווארט שרש איז דאך איינענטליך דער טייטש איין ווארצלען ווארום איז דא דר טייטש אוים ווארצלען. דאס וועט ערקלערט ווערין מיט איין משל. איין קיסלער האט דר זעהען פון ווייטין וויא איין גבירם אמשרת טראגט

אזעקיל רובילס אום אפ צו געבן אין אגעוויסן קאנטאר. איז ער גישווינט אריין גילאפן אין אקליידר קראם אונ זאגט אזו. אשררה האט מיר גיבעטין קויפין איין פאסיגען ראק נאך זיין מאס נאך. פרעגט דר קרעמער אבר וויא אזו קענען מיר וויסין זיין מאס ריכטיג. ריידינדיג גיט ער איין קוק אין גאס ארויס אונ טוט אנישרייא גיכער גיכער אויף יענעם יונגין מענטשין קען מען גוט צו פאסין דען זיין גיוואוקס איז ריכטיג אזו וויא דר שררה. איז דער סוחר ארויס גילאפין אונ ער האט אריין גיבעטין דעם משרת ער זאל אים טאן דיא גיפעליגקייט אונ לאזין זיך אן מעסטין אויף איין ווייל דעם ראק. וויא דער משרת האט נור אויף זיך הערויף גיצויגין דר ווייל האט דר גנב גיחאפט דעם זעקיל רובילס אונ איז אנטלאפן דורכין טיר. אונ אז דר משרת האט גיוואלט אים נאך יאגין האט דר קרעמר אים אנגיחאפט אונ ניט גילאזין ארויס גיין ביז ער זאל אים אויס טאן זיין ראק דר ווייל איז יענר קיסעניק אנטלאפן גיווארין מיט די געלט. דר נמשל איז. עס איז ידוע דר גוף פון מענטשן איז פון איין נידעריגין ארט נור זיין נשמה איז פון זייער איין הויכן ארט פון אונטער דעם היילינגען כסא הכבוד. זיא גילוסט אימער ארויס צוא חאפין זיך פון פינצטערין חומר כדי צו קומען צוריק אויף דעם ארט פון וואנען זיא איז גינומן גווארן. וואס טוט אבר דער שטן דער יצר הרע ער קליידעט אן דעם מענטשן אין בגדים צואים דאס הייסט די תאוות רעות פון עולם הזה דורך דעם ווערט די נשמה צו געקניפט צו די וועלט אונ בשעת עס קומט איר צייט צו שיירין זיך פון גוף אונ זיא וויל אריין גיין אין דעם עולם העליון קומן די מקטרגים פון עבירות אונ היטין איר אפ ביז וואנען זיא זאל אויס טאן די פרעמדע קליידער. דאס איז גימיינט ווען מען שטארבט ח"ו אן תשובה זוי ווערט מען שטארק איין גיווארצילט אין חומריות אונ דאס איז איין גראם דאס מען ווערט דורך דעם אויס גיווארצילט חלילה פון דעם מקור קדושת העליון. איצונד וועלין מיר שוין גוט פר שטיין דעם פירוש פון פסוק אתה רע מט"ב וגו' ושרשך מארץ חיים סלה ווייל דוא בלעם האסט גיליבט בייזע תאוות מער אלס גוטס דרום ביזטו דא פעסט איין גיווארצילט גיווארן אונ ממילא ביסטו אויך אייביג אויס גיווארצילט אונ אויס גירוסן גיווארן פון דעם מקור פון קדושה וואס דארטין איז דר רוהע פיר די היילינגע נשמות (דען שרש איז טאקי דר טייטש איין ווארצלען היינו בעולם הזה אונ ממילא ווערט דר רשע דורך דעם אויס גירוסן פון עולם הבא. דר ארט וואס איז אן גיגרייט פיר דיא היילינגע נשמות וויא מיר האבין שוין ערקלערט דעם ענין באריכות) דאס איז גרעט אויף רשעים אבר ביא צדיקים איז דארטן ווייטר אין קאפיטיל גישריבן ואני כזית רענן בבית אלהים דאס טייטש דוד ע"ה זאגט איך כלומר מיין נשמה איז וויא איין גרינער אייל בוים איין גיפלאנצט אין גאטס הויז:

כי לא נחש ביעקב וגו' כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל דר פסוק ווערט גוט איין גיטייטשט מיט איין משל. איין שר האט דר הערט דאס אין מרחקים איז דא צו בעקומן אזו אמין זאלב וואס ער שיטצט אנטקעגין אלע מיני חלי זיין. ער האט גימאכט אהין אנסיעה פון גרויסע קאסטין ביז ער האט דעם זאלב בעקומען. צוריק פארינדיג איז ער גיוועזין זייער פר זארגט פיליכט העלפט דאס וואר ניט אונ לאזין מאכין אויף זיך זעלבסט איין פראבע האט ער מורא גיהאט אפשר ווערט אים דר ווייל שאדן. טראכטענדיג אזו מיט אמאל האבן אים גזלנים אריין געשאסין אין הארצין מיט ביקסין אונ עס האט אים גאר ניט גיארט. וויא די גזלנים האבן דר זעהען דעם גרויסין וואונדער האבין זייא זיך דער שראקין פר אים אונ האבן אן גיהייבן לויפן האט ער גיהייסין זיינע קנעכט מען זאל זייא חאפין. וויא מען האט זיי גיבראכט האט ער זיי אן גינומן בכבוד גדול אונ גוט בעשיינקט.

זייא קוקן אים אן אין די אויגן אונ וואונדרין זיך דאס פר אזו ארעה צאלט ער זייא אזעלכע גוטעס . ענטפערט ער זייא ווען ניט איר וואלט איך כל ימי גיוועזין אונרוהיג אונ אימער מיינען דאס איך האב פערשווענדעט אזו איין פערמעגנס אויף גאר גישט . אונ איצונד דורך אייך האב איך מיך קלאר דר קונדיגט וויא נוטציג מיין זאלב איז ער איז טאקי ווערט כל הון דעלמא . די מעשה דער פון איז אזו . דר מדרש שרייבט יעקב אבינו ע"ה בעת ער איז גיוועזן בייא לבן אין הויז האט ער פר זארגט זיינע קינדער ישראל עס זאל אויף זייא ניט ווירקען קיין כשוף . אבר קיין פראבע האט קיינער ניט גיוואלט לאזין מאכן אויף זיך מחמת די מורא פון סכנה . איצונד אבער וויא בלק האט גיבעטין בלעם זאל זייא שלעכטס טאן מיט זיינע כשוף אונ עס האט זייא גאר גישט געשאדעט . זאגט בלעם צו אים זעה וואס פר אנארעשקייט דו האסט גיטאן דען לא די וואס מיר האבן גאר גישט גיפועלט אויף בייזעס אדרבה מיר האבן זייא נאך אטובה גיטאן כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל דען אז כשוף זאל ניט שאטין דיא ישראל האט שוין לאנג יעקב דאס זייא פר זארגט . כעת יאמר וגו' מה פעל אל איצונד אבר איז זייא אוים גיזאגט גיווארין דורך אונזער פראבע וואס גוטעס גאט האט מיט זייא גיטאן כלומר אונ זיינען בייא זיך רוהיג ווייל זייא זעהן שוין קלאר וויא אמת עס איז דאס אויף זייא ווירקט קיין שום כשוף ניט :

ונאם הגבר שתם העין דאס טייטש בלעם זאגט אויף זיך זעלבסט דאס איז די רייד פון דעם בלינדין מאן . דיא קשיא איז . דען בלינדקייט איז אזו אגרויסר כבוד דאס ער בערימט זיך דאמיט. ווערט פר ענטפערט ווערין מיט נאך איין קשיא אויף דעם מאמר פון מדרש אין פרשה עקב כל מה שישראל אוכלין בעולם הזה כו' עס טייטש איצונד לעבן די אידין נור פון די ברכות וועלכע דער רשע בלעם האט זייא גיבענטשט . אבער די ברכות פון דיא הייליגע אבות זיינען באהאלטין פר זייא אויף לעתיד לבוא . אז דר פסוק זאגט ושמר וגו' את הברית וגו' אשר נשבע לאבותיך נון שיקט זיך ניט פר וואס זאלין מיר עפים מוזין אן קומן צו די ברכות פון בלעם אונ ווארום זאל מען זיך ניט קענן באנוטצין איצונד אויך מיט זייערע ברכות . דאס ווערט רעכט מיט אמשל . צווייערלייא פאבריקאנטין זיינן גיקומן מיט סחורה אויף איין יריד . איינעמס איז גיוועזן אמתע גוטע גאטונגקעס אונ דאהער איז גיוועזין זיין הויפט האנדיל מיט רעכטע מבינים אונ אין העלין מיטין טאג . דעם צווייטינס סחורה איז גיוועזן פון שיינע מוסטערין פיינע קאלארען . אבר אין עצם זיינן זייא ניט גוט גיוועזן . דרום פלעגט ער מאכין זיינע גישעפטין נור בייא נאכט אונ מיט אונגעניטע סוחרים אדער מיט לייטין וועלכע האבן אשוואכע ראיה כדי זיי זאלין ניט אזו דר זעהן אונ באמערקן די חסרונות. דר נמשל איז דאס די אויבערשטע השגחה פון השי"ת האט איין גיזעהן דאס אלע דורות פון די ישראל זיינען נייטיג צו די ברכות פון נביאים אונ ווייל ער האט נוט פארשטאנען דאס דיא אבות דיא גרויסע מבינים וועלין קיין חשק האבין צוא בענטשין דיא איצטיגע לייטין באפארבטע אונ פאר שטעלטע דורות דרום האט ער זייא נור געוויזין דיא רעכטע גוטע פרומע דורות פון לעתיד לבוא . אונ דעם נביא בלעם ווייל ער איז גיוועזין דונקיל אונ בלינד אין נבואה ער האט נור גקוקט אבערפלעכליך אונ ניט פארשטאנען דאס הארץ פון דיא אומה . דאהער האט הקב"ה אים אריין גילייגט אין מויל ברכות פאר אונזערע דורות . דאס זאגט בלעם ונאם הגבר שתם העין כלומר השי"ת מאכט מיט מיר איין גישעפט אונ הייסט איך זאל די ישראל בענטשין ווייל איך בין כמעט וויא איין בלינדער מענטש אין נבואה . וויא אויבן איז גינוג דר קלערט גיווארין דער ענין :

# הפטרת בלק

והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים כטל מאת יי וגו׳

דאס טייטש עס וועט זיין דאס איבר בלייבונג פון יעקב צווישין פיל פעלקער וויא טויא פון גאט. ווארום דריקט זיך אוים דר נביא דווקא בקרב עמים רבים (צווישין פיל פעלקער) פר שטייט מען בדרך דמיון. אגרויסר קאפיטאליסט האט גיהאנדילט מיט איין געוויסין שותף. דיזער שותף האט פר שלונגען זייער פיל געלד זיינע. האט זיך דער גביר מיישב גיוועזין אונ האט צו גינומן צו אים נאך איניגע שותפים אין האנדיל. דאן האט שוין דער ערשטער אויך אן גיהויבין האנדלען ערליך מיט אים. ווייל ער זאל זיך צו זאמען ריידין מיט אלע שותפים וועגין איין אנזעטיק איז דאס גיוועזין איין אונמעגליבקייט אונ נור ער איינר אליין זאל זיין איין אונערליכר מאן דא האט אים איצונד שוין מער ניט גפאסט אנטקעגין די אלע איבעריגע שותפים. די כוונה דער פון איז אז דיא גמרא שרייבט אין מסכת עבודת כוכבים די ישראל האבן גיהאט אקיום צווישין די פר צייטיגע ווילדע אומות נור מחמת דעם טעם ווייל אידין זיינען פר שפרייט גיווארין איבר דר גאנצר וועלט. דרום האבן די פעלקר זיך ניט גיקענט צו זאמען ריידין אלע באנאנד זייא צו פר טיליגין חלילה. אונ פר איין מדינה אליין האט דאס שוין ניט אזו גיפאסט אנטקעגין אלע מדינות אזו שלעכט צו זיין. דעם דאזיגין זין מיינט אויך דר נביא מיכה מיט די ווערטר. והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים וגו׳ היינו די סבה וויא אזו פארט איז דיא אומה ישראל גיבליבין לעבין פון דיא אלטע פינטשטערע יארין. וואס דאמאלס האט נאך זייער שרעקליך בעהערשט די שנאה איבר אמונה זאכן. אונ דיזע עלענדע פאלק האבין איין קיום נאך עד היום. איז נור איבער דעם טעם ווייל זייא זיינען פאר שפרייט גיווארין צווישין אלע פעלקער אין דר גאנצער וועלט. אונ השי״ת דר רב חסד פר זארגט פון אן פאנג אויף שפעטער:

עמי מה עשיתי לך ומה הלאתיך ענה בי עם טייטש הקב״ה זאגט צו ישראל מיין פאלק וואס איך האב דיר גיטאן אונ וואס איך האב דיר בעמיהט זאג עדות אויף מיר. דר מדרש שרייבט אין פרשה אמור אזו אויף דעם פסוק ענה בי וקבל שכר ולא תענה ברעך עד שקר השי״ת זאגט זאג בעסער עדות אויף מיר אונ נעם שכר דר פר אבער ניט זאג פאלשע עדות אויף דיין חבר. אויף דיזען הארבין מדרש גיפינט זיך כמה מיני פרושים. אבר ער איז לייכט צום פר שטיין ווען מען זאל אים ערקלערין על דרך המוסר. דער כלל איז מיר זיינען מחויב צוא גלויבין דאס אלעס וואס נור עס מאכט זיך מיט אונז איז בוודאי מן השמים מיט דיא השגחה פון דעם בורא ית׳ אפילו ווען עס טרעפט איינעם איין רעה גאר דורך אמענטשינס האנט הייסט דאס ניט יענער האט אים גיטאן נייערט הקב״ה האט אים נאר גימאכט פאר איין שליח כדי ער זאל פר בעסערן זיינע מעשים אונ די רעה זאל אים דר וועקין צו תשובה. וויא מיר גיפינן אין שמואל דוד המלך ע״ה האט גיזאגט כי יי אמר לו קלל את דוד גאט ב״ה האט גיהייסין דעם שמעי בן גרא ער זאל מיר שילטין. אונ אויב מען רעכינט טאקי אזו אונ דורך דעם טוט מען תשובה. גיוויס אז מען האט שכר דר פר. אבר ווען מען רעט זיך איין דאס יענער מענטש האט אים גיטאן דיא רעה מיט איין איינענעם ווילין איז דאס איין שקר גמור. אנב וואקסט דר פון ארוים נאך איין רעה דאס הייסט מען טוט דר ווייליע קיין תשובה ניט ווייל מען רעכינט דאס איז גאר ניט מן השמים כדי אויף צו מינטערין זיך צו דעם ענין פון תשובה. איצונד וועט רעכט ווערין אונזער מדרש ענה בי וקבל שכר היינו השי״ת זאגט אויף אלעם וואס נור מיט דיר מאכט זיך זאלסטו עדות זאגין אונ גלויבן אז דאס קומט פון מיר זעלבסט. ובאופן זה וועסטו גיוויס תשובה טאן דאן וועסטו פון מיר בעקומן שכר דר פר. אונ זאלסט ניט זאגן פאלשע עדות אויף דיין חבר כלומר זאלסט ניט רעכענן דאס דיין חבר טוט דיר די רעה פון זיך זעלבסט מיט זיין איינענם ווילין וואס דאס איז אשקר גמור דען אן דעם ווילן פון הקב״ה ווערט קיין זאך אין דר וועלט ניט גישעהען:

## פרשת פינחס

פינחס וגו׳ השיב את חמתי וגו׳ הנני נותן לו את בריתי שלום. היינו הקב״ה זאגט פינחס האט אפ גיטאן מיין צארין פון דיא ישראל דורך דעם וואס ער האט דער שטאכין דעם בעל עבירה זמרי בן סלוא מיט די מדינית. דרום גיב איך אים מיין זיכערהייט אויף פרידין.

די קדמונים קלערין וואראום משה רבינו ע"ה וואס ער האט כמה מאל שוין פועל גיוועזין מיט זיין תפלה נוטעס פר די ישראל האט ניט זוכה גיוועזן דאס הקב"ה זאל אים מבטיח זיין מיט שלום. און דר פינחס פר דעם איין מאל האט ער תיכף זוכה גיוועזן צו שלום. בפרט אז דר מדרש שרייבט הקב"ה האט גיזאגט בדין הוא שיטול שכרו דר שכר קומט אים על פי דין. נון פר וואס איז דר דין אזו. וועט דאס רעכט ווערן מיט א משל. איין מאן איז גיוועזן זייער פיל איין גישולדיגט ער האט אבער גיהאט גוטע פריינד און ווען די בעלי חובות פלעגין זיך אן הייבין מיט אים צו משפטין דאן פלעגין זיינע פריינד טענן פאר אים און מאכן דאס מען זאל אפ לייגין דיא צאלונגב טערמינען אויף שפעטערע צייטין. ויהי היום אז דיא בעלי חובות האבין אים זייער צו גידריקט און עס איז שוין ניט גיוועזן אנדערש וויא מיט זייא צו מאכין האט זיך אויך גשטעלט איינר פון זיינע רעכטע ליב האבער ער האט מיט זייא אפ גימאכט און איין גיצאלט איין גיוויסין פראצענט און דיא וועקסלען צו ריסען. דא איז ער שוין גיווארן נאר איין ריינער מענטש אן אשום קלאפאט און זיין טובה איז טאקי גיוועזן איין אמתע טובה. דר נמשל איז אזו. משה רבינו האט גיפועלט מיט זיין תפלה מען זאל דעם עונש פון ישראל מדחה זיין אויף איין שפעטערע צייט. וויא מיר גיפינען ביי דעם חטא פון עגל האט הקב"ה צו אים גיזאגט וביום פקדי ופקדתי עליהם וגו' אין די צייט אז איך וועל זייא שטראפין פיר אנדערע עבירות וועל איך שוין דאפיר אויך שטראפין. וויא דיא מקטרגים פון די חטאים זיינן נאך גיבליבן אין הימיל. אבער אויף פינחס שטייט גישריבן אין מדרש דאס ער האט מבטל גיוועזן דעם עונש און אלע מקטרגים פון דיא דאזיגע עבירה ביז גרונד דאמיט האט ער גימאכט איין אמתין שלום אין הימיל און אויף דער ערד דרום האט הקדוש ברוך הוא אים אויף גיגעבין זיכערהייט פון שלום אויף אייביג:

בקנאו את קנאתי וגו' את בריתי שלום. דר מדרש שרייבט אמר הקב"ה בדין הוא שיטול שכרו היינו הקב"ה זאגט ווייל דער פינחס האט זיך גישטעלט פון מיינט וועגין אין סכנה קומט אים דר שכר פון שלום בדין. דר פירוש פון מדרש וועט ערקלערט ווערן מיט איין משל. א סוחר האט גינומען אין גישעפט אבריין אמשרת אן שום שכירות נור פארין עסין אליין. אמאל האט זיך גיטראפין פורים צו דער רעכטע סעודה איז איינער גיקומען צום סוחר אין שטוב אריין קויפן סחורה האט דר סוחר יענעם גאר ניט גיענטפערט. רופט זיך אפ דר משרת נישט קשה איך וועל גיין מיט אים אין קראם. האב ער אוועק גיווארפין אלע גיריכטן און איז אוועק מיט יענעם און גילייזט טאקי ארעכטין פדיון. אויף מארגין פריא פרעגט דער סוחר ביי דעם דאזיגען משרת פיל קומט דיר שכירות פון מיר. ענטפערט ער אים עס קומט מיר גאר נישט דען איך בין דאך ביי אייך נור פארין הוילן עסין. זאגט דר סוחר ניין עס קומט דיר יוא. דען ביז איצונד האב איך גירעכינט דאס עסין איז ביי דיר איין גרויסער ענין דרום איז גינוג פר דיר עסין אליין. אבער וויא איך האב געכטין דר זעהן דאס דו האסט אוועק גיווארפין אזעלכע גישמאקע געריכטין פון איין לייזונג וועגן. נון פאר שטייא איך שוין דאס דער עסין אליין איז ביי דיר גאר ניט גיאכטעט און דאהער וועל איך דיר מהיום והלאה שוין אן הויבין צו צאלין שכירות וואראום דאס קומט דיר על פי דין. דר ענין דר פון על דרך המוסר איז אזו. דער מקונן זאגט אין איכה מה יתאונן אדם חי וגו' דאס הייסט איין מענטש האט זיך גאר ניט וואס צוא בעקלאגן און פאדערין פון הקב"ה עפיס איין תביעה ווערדליג נאך זיינע מעשים נאך וואראום עס איז גאנץ גינוג דאס השי"ת גיט אים דאס לעבין און דאס וואס דר ארעמער מענטש באקומט אמאל פון די טובות עולם

בִּיָּה אוּן אַפְּשִׁיטָה שׁוֹין דֶעם הֵיילִיגְן תַּעֲנוּג פוּן גַן עֵדֶן עוֹלָם הַבָּא הֵייסְט דָאס נוּר אַז אַיין מַתָּנָה אוּנ אַיין חֶסֶד פוּן בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ . דֶער תּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁטֵייט אִין פִּרְקֵי אָבוֹת וְדַע שֶׁמַּתַּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים לֶעָתִיד לָבֹא אוּנ נִיט וְדַע שֶׁשְּׂכָרָן וכו׳ וַוייל דָר שְׂכַר פוּן גְרֶעסְטְן צַדִּיק אֲפִילוּ אִיז אוֹיךְ מֶער נִיט אַז אַיין מַתָּנָה פוּן הקב״ה אָבֶּער עַל פִּי דִין קוּמְט זַייא גָאר נִיט . נָאר דָאס אִיז אַלֵיין גִירֶעט בַּייא אַזֶעלְכְן וָואס זַיין לֶעבְּן אִיז בַּייא אִים חָשׁוּב דַאן אִיז דָאס וָואס עֶר לֶעבְּט גִינוּג פַאר אִים. דֶער צַדִּיק פִּינְחָס אָבֶּר הָאט גִישְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן אִין גְרוֹיס סַכָּנָה פוּן גָאטְס וֶועגְן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַז עֶר הָאט דֶער שְׁטָאכְן דֶעם נָשִׂיא זִמְרִי בֶּן סָלוּא . וִויא עֶס אִיז בַּאשְׁרִיבְּן אִין גְמָרָא וּמֶדְרָשִׁים . נִמְצָא זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דֶר פוּן דָאס דֶער לֶעבְּן אִיז בַּייא אִים גָאר נִיט חָשׁוּב גִיוֶועְן וואו נוּר עֶס אִיז עֶפִּיס נוֹגֵעַ צוּם כְּבוֹד הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ. אַזוֹ וִויא יֶענֶער וַוארְפְט אַוֶועק דִיא סְעוּדַת פּוּרִים . עֶס אִיז גִימֵיינְט דָאס לֶעבְּן מִיט דִיא תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה אוּנ אַלֶעס . פוּן לֵייזוּנְג וֶועגְן פִּיר הקב״ה . דְרוּם זָאגְט רֶעכְט דֶר מֶדְרָשׁ בְּדִין הוּא שֶׁיִּטּוֹל שְׂכָרוֹ אַזוֹ אַלֵיינְט קוּמְט שׁוֹין שְׂכִירוֹת אוֹיךְ אוּנ עַל פִּי דִין נִיט נוּר בְּתוֹרַת נְדָבָה :

וְשֵׁם אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמֻּכֶּה וגו׳ זִמְרִי בֶּן סָלוּא נְשִׂיא בֵית אָב לַשִּׁמְעֹנִי . עֶס טַייטְשׁ דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם דָאזִיגְן וֶועלְכָר פִּינְחָס הָאט אִים דֶר שְׁלָאגְן אִיז זִמְרִי . דֶער מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אַזוֹ גוּט דָאס הקב״ה אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם שְׁבַח פוּן צַדִּיקִים כְּדֵי זַייא מְפַרְסֶם צוּ זַיין אוֹיף דֶר וֶועלְט וִויא עֶס שְׁטֵייט פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וגו׳ דָאס גְלַייכְן אִיז עֶר עוֹסֵק אִין דֶעם גְנַאי פוּן רְשָׁעִים כְּדֵי זַייא אוֹיךְ מְפַרְסֵם צוּ זַיין אִין דֶר וֶועלְט . וִויא עֶס שְׁטֵייט זִמְרִי בֶּן סָלוּא וגו׳ אוֹיף דִי צַדִּיקִים אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארִין דֶער פָּסוּק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּנ אוֹיף דִי רְשָׁעִים שְׁטֵייט וַוייטֶר וְשֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב . דֶעם פְּשַׁט פוּן מֶדְרָשׁ אוֹיךְ דִיא קַשְׁיָא פוּן דִיא מְפָרְשִׁים וָוארוּם שְׁטֵייט עֶפִּיס וְשֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב (דֶער נָאמֶען פוּן רְשָׁעִים זָאל פַאר פוֹילְט וֶוערְן) אוּנ נִיט וְשֵׁם רְשָׁעִים לִקְלָלָה אוּם עֶס זָאל זַיין אַיין הֵיפֶךְ פוּן דֶעם אָנְפַאנְג פָּסוּק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה . וֶועלִין מִיר אַלְס דִינְג רֶעכְט מַאכְן מִיט אַקוּרְצִין מָשָׁל. אַיין לֵייפְּצִיגֶער סוֹחֵר אוֹיף דֶר עֶלְטֶער הָאט עֶר אוֹיס גִירִיכְט זַיין בֵּן יָחִיד דָאס עֶר זָאל פָארִין אוֹיף דֶער מֶעסֶע הַאנְדְלֶען . דִי אַלְטֶע מוּטֶר הָאט אִים אַלֶעס אַיין גִיפַּאקְט אִין קַאסְטִין וָואס נֵייטִיג אִיז צוּ דִי רֵייזֶע אוּנ וַוייזְט אִים זֶעה מַיין קִינְד דִי קְלֵיידֶר וָואס דוּא זָאלְסְט זַייא פַאר נִיטְצִין גִיזוּנְטֶער הֵייד לִיגְט אִין דֶעם שׁוּפְלָאד . דִיא שְׁפַייזִין וֶועלְכֶע זָאלְסְט עֶסִין גִיזוּנְטֶער הֵייד לִיגְט אִין יֶענֶעם בּוּפֶעטְצִיק . וִויא זִיא אִיז אָבֶּער גִיקוּמֶען צוּ אַיין פוּלְוֶוער (וֶועלְכִין עֶר פְלֶעגְט דָאס אַיין נֶעמֶען צוּ זַיינֶעם אַנֶעוְוִיסִין קְרַאנְקַייט ר״ל וֶוען עֶס הָאט אִים נוּר גְטְרָאפְן) הָאט זִיא זִיךְ גוּט אָפּ גִיזִיפְצֶעט אוּנ זָאגְט . מַיין זוּן זֶעה דַיין פוּלְוֶוער הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אִים נִיט בַּדַארְפִין נִיטְצִין לִיגְט אִין יֶענֶעם אוּנ יֶענֶעם פָּאטָאיֶעמְנִיק . דֶר נִמְשָׁל אִיז בְּקִיצוּר אַזוֹ . אִין תַּנַ״ךְ שְׁטֵייט בַּאשְׁרִיבִּין דִי מַעֲשִׂים טוֹבִיםפוּן צַדִּיקִים בִּכְדֵי מִיר זָאלִין זִיךְ לֶערְנֶן אוֹיךְ אַזוֹ צוּא טָאן אוּנ מְקַבֵּל זַיין בְּרָכוֹת דַאפִיר . פַאר קֶערְט שְׁטֵייט דִי מַעֲשִׂים רָעִים פוּן רְשָׁעִים מִיט זֵייעֶר עוֹנֶשׁ אוּם טָאמֶער וֶועלִין מִיר אַמָאל ח״ו נִכְשָׁל וֶוערִן אִין אַזוֹ אַיין חֵטְא זָאלִין מִיר זִיךְ גְלַייךְ חַאפִּין צוּ דֶעם פוּלְוֶוער פוּן תְּשׁוּבָה אָבֶּר דָאס פַאר שְׁטֵייט זִיךְ אַז פִיל גְלַייכֶער אִיז דָאס מִיר זָאלְן דָאס גָאר נִיט בַּדַארְפִין . דָאס זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ . הקב״ה אִיז מְפַרְסֵם דֶעם שְׁבַח מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן צַדִּיקִים אוּם מִיר זָאלִין אוֹיךְ אַזוֹ טָאן . דָאס הֵייסְט מִיט דִי בְּרָכָה מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַר נִיטְצִין גִיזוּנְטֶער הֵייד . אָבֶּר דִי מַעֲשִׂים רָעִים פוּן רְשָׁעִים אִיז עֶר מְפַרְסֵם בִּכְדֵי מֶען זָאל נִיט אַזוֹ טָאן וִויא זַייא . אוּנ אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גִיוֶועזִין אוּנ יוא גִיטָאן זָאל מֶען זִיךְ אַרָאפּ נֶעמֶען אַיין מוּסָר פוּן זֵייעֶר עוֹנֶשׁ אוּנ תְּשׁוּבָה טָאן . פוּן אוֹיף זַייא וִוירְד גִיזָאגְט וְשֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב זֵייעֶר נָאמֶען זָאל בֶּעסֶר גָאר פַר

פוֹילְט

פוילט ווערן . כלומר ליבערסט זאל מען גאר גיזונט זיין אויף די נשמה אונ דעם דאזיגען מוסר פולוער גאר ניט דארפין פר ברויכין :

את קרבני לחמי לאשי . עס טייטש מיין קרבן מיין ברויט צו מיינע פייער אפפער . אין מדרש שטייט השי"ת זאגט פיליכט וועסטו וועלין מיינען דאס ביא מיר איז עפים שייך עסין אדר טרינקין . קענסטו זיך אפ לערנן פון משה רבינו דען ביא אים איז גישריבן ויהי שם עם יי וגו' לחם לא אכל וגו' דיא פערציג טעג וואס ער איז גיוועזן מיט גאט צו זאמען האט ער ניט גיגעסין אונ ניט גיטרונקען . אונ דיא רבנן דרינגען דר פון אז אמענטש טאר ניט טאן אנדערש אז דר מנהג איז . דען בשעת משה איז גיוועזן אין הימיל וואס דארטין איז ניט די מאדע צו עסן האט ער אויך ניט גיגעסן . דיא וועלט פרעגט אקשיא . ווארום ברייגגען ניט די רבנן בעסר איין ראיה פון דעם וואס משה האט דארטין ניט גישלאפן . דען ניט שלאפין איז שווערער אז ניט עסין וויא מיר גיפינען אין מסכת נדרים ווען איינער שווערט דאס ער זאל דרייא טעג ניט שלאפין שלאגט מען אים מלקות פר וואס ער שווערט פאלש . דען דאס קען ניט אויס גיהאלטין ווערן . די קשיא האט דר מחבר (רבי יעקב דער דובנער מגיד ז"ל) רעכט גימאכט מיט איין שארפין וויטין על פי מקרה וואס אים אליין האט דאס אמאל גיטראפן . ער איז גיקומן אין אקרעטשמע ווינטר ביא נאכט אונ האט גיבעטן עסין האט מען אים גיענטפערט עס איז קיין זאך ניטא . וואס זאל ער טאן האט ער זיך גילייגט שלאפין . אין אנוייליע ארום דר זעהט ער מען האט ארויס גינומען פון אויבין אגוטע וועצערע אונ מען עסט . האט ער זיך אנידער גיזעצט אונ זאגט צו זייא ברוך היושבים . אונ אז זייא האבן אים גיענטפערט קומט עסין וויא דר שטייגר איז . האט ער צו זייא גיזאגט איך האב אייך איצונד צו פאר דאנקען דען איר האט מיר רעכט גימאכט דאס וואס מיר איז גיוועזן אלאנגע צייט קשה היינו ווארום דרינגען די רבנן פון דעם וואס משה האט ניט גיגעסין אונ ניט פון דעם וואס ער האט ניט גישלאפן . אלא משהם ניט שלאפן דארטן פאר שטייען מיר שוין ממילא פון דעם וואס זייא זאגין אז ער האט ניט גיגעסין ווייל מלאכים עסין דארטן ניט מוז איך דאך זאגין דאס ער האט אויך ניט גישלאפן . ווארום זאל דאס אנדערש זיין אז משה האט דארטין יוא גישלאפן נון וויא אזו איז דיא ראיה אז משה האט ניט גיגעסין ווייל מלאכים עסין ניט . גיין אפשר האבין זייא זיך נור גיהיט פון אים צום עסין אונ זייא האבן אלע מאל יוא גיגעסין נור אין די צייט ווען ער האט גישלאפן . אלא גיוויס מוז זיין דאס משה האט קיין מאל קיין אויג דארטין אין הימיל צו גיטאן אונ האט גיזעהן קלאר דאס זייא האבן ניט גיגעסין אונ דרום האט ער אויך ניט גיגעסן בכדי ניט משנה צו זיין פון דעם מנהג פון דעם ארט וואו ער איז יעצט :

והקרבתם וגו' פר בן בקר אחד איל אחד . דיא גמרא אין סוכה שרייבט אויף דאס אמשל . איין דוכס האט גיהייסן זיינע קנעכט זיי זאלין מאכן פר אים אמאל צייט איינגע טעג נאך אנאנד . וויא עס איז גיקומן דר לעצטר טאג זאגט ער צו זיינעם דעם בעסטן גוטין פריינד היינט מאך דוא פאר מיר עפים אקליין מאל צייטיל בכדי איך זאל פון דיר הנאה האבין . כך . אנאנג'ן סוכות האט מען אין בית המקדש מקריב גיוועזן זיבעציג אקסין אנטקעגין די שבעים אומות . אונ לסוף שמיני עצרת האט הש"י גיהייסין דיא ישראל זייא זאלין מקריב זיין פון זייערט וועגן פר אים נור איין אקס . נאר אלין קשה ווארום זאל דאס אזו זיין . דען אין פלוג זעהט אויס פון משל דאס הקב"ה פילט ניט אזו איין ריח ניחוח פון די קרבנות ישראל אזו וויא פון זייערע קרבנות . דאס וועלן מיר ערקלערן מיט איין משל . איין עשיר אז ער איז גיקומען פון איין נסיעה האט ער זיינע שטיף קינדר גיבראכט רעכטע מתנות אונ פר זיין איינעם בן יחיד האט

עֶר גִיבְּרַאכְט אַקְלֵיינִיקַייט נָאר עֶפִּים אַיין נָאמֶען מַתָּנָה . נַאטִירְלִיךְ הָאט דֶר זוּן פַאר אִיבִּיל גִיהַאט אוֹיף דֶעם . דָאס צוּ דִי וַוייבְּס קִינְדֶער בַּאוַוייזְט עֶר מֶער לִיבְּשַׁאפְט אַלְס צוּ אִים . רוּפְט זִיךְ אָפּ דֶר פָאטֶר מַיין קִינְד דוּא פַאר שְׁטַייסְט נִיט . גֶעוִויס בִּיסְטוּ מִיר זַייעֶר לִיבּ נָאר דִי מַעֲשֶׂה אִיז דָאס . מַיין רָצוֹן אִיז וֶוען אִיךְ קוּם צוּ פָארְן וָואלְט אִיךְ וֶועלְן דָאס אַלֶע הוֹיז לַייטֶע מַיינֶע זָאלְן זַיין אִימָר לוּסְטִיג פוּן מַיין קוּמֶן . אוּנ וַוייל אוֹיף זַייא פַר שְׁטֵייא אִיךְ גַאנְץ גוּט אַז מִיט מִיר זָעלְבְּסְט פְרַייעֶן זַייא זִיךְ גַאנְץ וַוייניג וַוייל זַייא זַיינֶען מִיט מִיר דָאךְ פְרֶעמְדֶע . דְרוּם זֶעה אִיךְ זַיי צוּ בְּרֵיינְגֶען רֶעכְטֶע מַתָּנוֹת אוּם זַייא זָאלְן זִיךְ הָאבְּן לְכָל הַפָּחוֹת צוּ פְרַייעֶן מִיט דִי מַתָּנוֹת . אָבָּר דוּא בֶּן יָחִיד מַיינֶער וָואס אִיךְ וַוייס קְלָאר דָאס דַיין שִׂמְחָה מִיט מִיר זָעלְבְּסְט אִיז אָן אַיין שִׁיעוּר . דֶען אִיךְ פִיל פוּן זִיךְ דָאס וִויא וַוייט אִיךְ פְרֵייא מִיךְ אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה דִיר צוּ זֶעהֶן . אִם כֵּן צוּ וָואס בְּרוֹיכְסְטוּ דִי וִויכְטִיגֶע מַתָּנוֹת וֶוען אִיךְ אַלֵיין בִּין הִיר דָא . אַדְרַבָּה דָאס קֶען פַר דִיר זַיין פַר קֶערְט אַיין אוּם כָּבוֹד . וָוארוּם דַיינֶע שְׁטִיף בְּרִידֶער קֶענֶען זָאגְן אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ נִיט מִיט דֶעם פָאטֶערְס קוּמֶן נַייעֶרְט מִיט דֶעם טַייעֶרִין פְּרִיזָענְט וָועלְכָע עֶר הָאט דִיר גִיבְּרַאכְט . דֶר עִנְיָן דֶר פוּן אִיז אַזוֹ . עֶס אִיז יָדוּעַ דָאס דִי קָרְבָּנוֹת הָאבְּן אִין זִיךְ גִיהַאט דִי סְגוּלָה צוּ מַאכְן אַרָאפּ נִידֶערִין פוּן הִימִיל אַיין הַשְׁפָּעָה פוּן בְּרָכָה וּפַרְנָסָה טוֹבָה אוֹיף דֶר וֶועלְט . אוּנ וַוייל דִי אוּמוֹת הַקַדְמוֹנִים זַיינֶען דָאס רוֹב גִיוֶועזִין הַיידִין אוּנ זַייעֶר פַרְדָארְבְּן אִין אֱמוּנָה זַאכְן דְרוּם הָאט מֶען גִימוּזְט פוּן זַייעֶרְט וֶועגִין מַקְרִיב זַיין פִיל קָרְבָּנוֹת בִּיז וַואנֶען מֶען זָאל פוֹעֵל זַיין פַאר זַייא אַטוֹבָה אוּנ קֶענֶען אַרָאפּ נִידֶערִין דִיא הַשְׁפָּעָה פוּן אוֹיבִּין . וִויא דֶר מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אִין אֵיכָה וֶוען יֶענֶע פֶעלְקֶער וָואלְטִין פַאר שְׁטַיין דִי טוֹבָה וָואס זַייא הָאבְּן גִיהַאט פוּן סוּכּוֹתְדִיגֶע קָרְבָּנוֹת דַאן וָואלְטִין זַייא דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ נִיט חָרוּב גִימַאכְט . וָוארוּם זַייא זָעלְבְּסְט זַיינֶען נָאר נִיט וֶוערְט . גִיוֶוען דֶר צוּ . אָבָּר דִי יִשְׂרָאֵל וַוייל זַיי זָעלְבְּסְט זַיינֶען גִיוֶוען חָשׁוּב אוּנ בַּאלִיבְּט פַר הַשִׁי"ת דְרוּם אִיז שׁוֹין פַר זַיי גִינוּג גִיוֶועזִין אַיין קָרְבָּן אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת בִּכְדֵי צוּ מַאכְן אַרָאפּ נִידָערִין צוּ זַיי דִי שֶׁפַע הָעֶלְיוֹנָה . וִויא דֶר לָשׁוֹן פוּן יֶענֶע גְמָרָא . אָמַר לְאוֹהֲבוֹ עֲשֵׂה לִי סְעוּדָה קְטַנָּה כְּדֵי שֶׁאֶהֱנֶה מִמְּךָ כְּלוֹמָר דֶער דוּכַּס זָאגְט צוּ זַיין אוֹהֵב נֶאֱמָן . דוּא זָאלְסְט מַאכִין פַר מִיר אַגַאנְץ קְלֵיינֶע סְעוּדָה כְּדֵי צוּ וַוייזִין פַר דִיא וֶועלְט דָאס מַיין עִיקָר הֲנָאָה אִיז פוּן דִיךְ זָעלְבְּסְט אוּנ דִי סְעוּדָה אִיז מֶער נִיט אַיין אֲגַב מַעֲשֶׂה :

## הפטרת פינחס

מַה לְּךָ פֹה אֵלִיָּהוּ וַיֹּאמֶר קַנֹּא קִנֵּאתִי לַיְיָ וגו' לֹא בָרַעַשׁ יְיָ וגו' קוֹל דְּמָמָה וגו' וַיֹּאמֶר קַנֹּא קִנֵּאתִי וגו' וְאֶת אֱלִישָׁע וגו' תִּמְשַׁח לְנָבִיא תַּחְתֶּיךָ הַיְינוּ נָאךְ דֶעם וִויא אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אוֹיס גִיקוֹילֶעט דִי פַאלְשֶׁע נְבִיאִים פוּן דֶעם אָפּ גָאט בַּעַל אוּנ אִיזֶבֶל (אַחְאָבְס וַוייבּ) הָאט אִים דֶר פַר גִיוָואלְט אוּם בְּרֵיינְגֶען הָאט עֶר זִיךְ פַאר בָּארְגִין אִין דֶער מִדְבָּר אִין אַיין הֵייל דָארְטִין הָאט זִיךְ הקב"ה צוּ אִים בֶּעוִויזִין אוּנ פְרֶעגְט אִים . וָואס טוּסְטוּ דָא אֵלִיָּהוּ . עֶנְטְפֶערְט עֶר אִיךְ הָאבּ גִיצַארְנְט אוֹיף יִשְׂרָאֵל אוּנ נְקָמָה גִינוּמֶען פוּן דַיינְט וֶועגְן וַוייל זַייא זַיינֶען זִינְדִיג . זַייא הָאבִּין אוֹיס גִיהַרְגֶת דַיינֶע נְבִיאִים אוּנ אִיצוּנְד וִוילִין זַייא מִיר אוֹיךְ אוּמְבְּרֵיינְגֶען . הָאט הקב"ה אִים גִיהַייסִין אַרוֹיס גֵיין אוּנ זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף אַיין בַּארְג אִין דֶעם אִיז גִיוָוארְן אַפַּייעֶרְדִיגֶן רַעַשׁ דַאן אִיז נָאךְ דִיא שְׁכִינָה כִּבְיָכוֹל זָעלְבְּסְט נִיט גִיוֶועזִין . בִּיז עֶס הָאט זִיךְ אָן גִיפַאנְגֶען צוּא הֶערְן אַשְׁטִילֶע שְׁטִימֶע דַאן הָאט הקב"ה ווידר אִים גִיפְרֶעגְט אַז פַר דֶעם אוּנ עֶר הָאט אִים אוֹיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט דִי זָעלְבִּיגֶע . הָאט גָאט ב"ה אִים גִיהַייסִין מַאכִין דֶעם אֱלִישָׁע בֶּן שָׁפָט פַאר אַיין נָבִיא אַנְשְׁטָאט אִים . דֶר יַלְקוּט שְׁרַייבְּט וַוייל אֵלִיָּהוּ הָאט אַדְרַבָּה בֶּעדַארְפְט דֶר מָאנֶען דֶעם זְכוּת אָבוֹת אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט קַנֹּא קִנֵּאתִי וגו' דְרוּם הָאט הקב"ה פַר גִישְׁטֶעלְט אִים אַיין רַעַשׁ אוּנ נָאכְהֶער אַיין שְׁטִילֶער אָנְגִינֶעמֶענֶער קוֹל אוּנ הָאט גִיוָוארְט אַשָׁעָה דְרַייא . וִויא עֶר הָאט גִיזֶעהֶען דָאס אֵלִיָּהוּ אִיז נָאךְ אַלְץ בְּרוֹגֶז אוֹיף יִשְׂרָאֵל זָאגְט עֶר צוּ אִים אִימֶער צַארִינְסְטוּ אוֹיף

זייא

זייא אזו וויא אין שטים ווענין דיא בנות מואב
(דען אליהו דאס איז פינחס) אונ דאס גלייכין
דא . דוא ווערסט אבער ניט אויס פירין דעם
אלישען זאלבסטו זאלבן אן שטאט דיר פיר איין
נביא . אויף דעם ילקוט איז איין זעלטענע
פליאה . דען וויא עס זעט אויס האט פינחס ניט
רעכט גיטאן ווארום ער האט דאמאלסט דר
שטאכן דעם זמרי מיט די מדינית . אונ אין דר
תורה שטייט אויף אים גישריבן גאר איין היפך
דר גרעסטער שבח אונ שכר דאפיר . היינו לכן
אמור הנני נותן לו את בריתי שלום וגו' תחת אשר קנא
לאלהיו אויך איז גישריבן אין תהלים ויעמוד פינחס
ויפלל וגו' ותחשב לו לצדקה וגו' גם איז נייטיג צו פר
שטיין דיא שייכות פון רעש אונ נאך דעם איין
נידעריגן קול צוא דעם ענין פון אליהוס רוגז
אנטקעגן דיא ישראל . אונ נאך כמה דקדוקים
וועלכע זייא וועלן רעכט ווערן מיט איין משל.
איין טייערר בן יחיד איז קראנק גיווארן אויף
אפוס . האט דר דאקטער גיזאגט דאס עס איז
קיין אנדר מיטיל דא נור מען זאל אים די פוס
אפ שניידין . די עלטערין האבן גיטרויט דעם
דאקטער זייא האבין אים גילאזט מאכין דיא
ראפעראציאן אונ זייער קינד איז געזונד גיווארן.
מיט דער צייט איז דאס קינד ווידער קראנק
גיווארן אויף איין אנדר קראנקהייט איז גיקומען
יענער דאקטער אונ האט אים גיוואלט איין געבן
אזו אמין סם המות בכדי ער זאל שטארבין .
דאן האט דער פאטער אן גיהויבין אויף אים
שרייען דוא מערדער איצונד זעה איך קלאר
דאס דיין ראפעראציאן איז אויך ניט נייטיג
גיוועזין נור אויס הולע רשעות אום ער זאל
בלייבן איין קייליקר אונ די לוין וועלכע מיר
האבין דיר דאמאלס גיגעבין איז גאר גיוועזין
אום זונסט . וויא מיר זעהען איצטער מיט דיא
אויגין דאס דוא ביסט נור אן גישטאנען אויף
אינזער קינדס לעבן . דר ענין דר פון איז וויא
עס איז ידוע פון מדרשים דאס אליהו הנביא
איז פינחס בן אלעזר הכהן . דרום הקב"ה וויל
זיין רצון איז מען זאל אימער אדרבה מלמד
זכות זיין אויף זיינע קינדער דר ווענקט ער אים
אויך צו די מדה אונ זאגט ווען דו ווערסט אויף
זייא איצונד מקטרג זיין ווערט מען דאך זאגן אז
דיין כוונה פון די מעשה אין דר מדבר אין דעם
ארט שטים איז ניט גיוועזן לטובה נייערט כדי

מעורר צו זיין דעם מדת הדין אונ דרום איז
דאמאלסט גיווארין אמגפה אין די ישראל פון
פיר אונ צוואנציג טויזינט אם בן ווארום קומט
דיר שכר . אונ מחמת דעם טעם האט זיך השי"ת
בעת דעם פייערדיגן רעש ניט בעוויזין צו אים
נור נאכהער וויא עס איז גיווארין גאנץ שטיל
איין רמז דאס מען טוז מדריך זיין דאס פאלק
ישראל מיט גוטין ניט מיט רוגז אונ שטרענג .
אונ אויב דו אליהו ווילסט אזו ניט פירין דא
קענסטו דעם שטעל ניט בעטרעטין נייערט
אלישע בן שפט . אזו שרייבט דר בעל עקידה.
נמצא דר מאמר פון ילקוט איז נור אפארשטעלונג
דאס דר פירער פון דור מוז פירן אימער בנחת
אונ ניט שטרענג . אבער ניט חלילה דאס פינחס
האט דאמאלסט אונרעכט גטאן דאמיט וואס ער
האט דר שטאכן די רשעים ווייל ער האט זיך
מקנא גיוועזן פון גאטס וועגין . דען ער האט
נור גימיינט לטובה אונ זיין שכר דר פאר איז
גיבליבן אויף אייביג :

## פרשת מטות

ויי' יסלח לה כי הניא אביה אתה עס הייסט ווען
אמיידיל האט זיך גיטאן עפיס איין נדר אונ
איר פאטער האט איר מתיר נדר גיוועזן וויא
דער דין איז ווערט איר גאט מוחל זיין . אין
ספרי שטייט דיא חכמים ז"ל קלערין ווען דר
פאטער האט דא גיטאן וויא די תורה האט
געבאטין נון פשיטא דאס זיא האט קיין
עבירה ניט פר וואס זיא איז ניט מקיים איר
נדר . אם כן איז דאך איבעריג די ווערטער
ויי' יסלח לה . אבער איז נייטיג צו דר גיין מיטין
שכל דעם טעם ווארום די תורה האט אזו
מוראדיג אונ פיל מאל אן גיזאגט וועגין
נדרים מקיים זיין מער אז ביא אלע מצות .
היינו לא יחל דברו וגו' כי תדור וגו' לא תאחר לשלמו כי
דרוש וגו' והיה בך חטא . מוצא שפתיך תשמור וגו' דברת
בפיך אויך קהלת זאגט כאשר תדור וגו' טוב אשר לא
תדור וגו' אל תתן את פיך לחטיא וגו' למה יקצוף האלהים
על קולך וגו' וכדומה אזעלכע אוים דריקליכע
אזהרות אונ התראות דאס השי"ת איז זייער
אין כעס אונ שטראפט שטרייענג דעם וואס
איז ניט מקיים צו דר צייט . בפרט ווען מען

איז חלילה עובר נדר. דאס אלעם וועט מתורץ ווערן מיט איין משל. איינער איז געקומען אין אנייטע מדינה און האט בעטראכט וויא זייער ריכטיג עס בעגייט זיך דארטין מיט יענע תפוסים נאך איטליכינם חטא אזו אתפיסה און אזעלכע פארציאנן ווערט אויס גיטיילט. דארונטער האט ער דר זעהן אין תפיסה דאס איינער זיטצט זיך אין אנאנין פיינע הויז אויך עסין דער לאנגט מען אים זייער פיינע שפייזן מער ניט אז מען היט אים ער זאל ניט גיין אהיים. דר אורח פרעגט וואס איז דר מער מיט דיזען מאן. ענטפערט מען אים. דר מענטש האט גיהאנדילט און איצונד איז גיבליבין אויף אים זייער פיל שולדין ער טענעט דאס ער פאר מעגט ניט צו צאלין די חובות. דרום איז ער דר ווייל אתפוס ביז וואנען מען וועט דר גיין דאס עס איז ריכטיג אמת וויא ער זאגט דאן וועט ער בעפרייט ווערין וואורום וואס קען מען טאן מיט איין ארעמאן זאל מען דען בייא אים צו נעמן זיין נשמה. דעם אורח איז דאס אריין אין נאז ער איז אריין אין אגרוים ארטיגע אכסניא ער איז גיזעסין און גיגעסין דארטין אגאנצן חודש פון דאס שענסטע און דאס בעסטע. צום סוף נעמט ער זיין פעקיל און גייט. און אז דר בעל אכסניא דר מאנט אים מכח באצאלן ענטפערט ער אים גלויב מיר איך האב קיין פרוטה ניט. נאטירליך האט ער אים אן גיקלאגט און מען האט אים אריין גיזעטצט אין זייער אשווערע תפיסה אויף ברויט און וואסער. אמאל זאגט ער צו דעם פקיד פון דארטין ערקלער מיר דאך מיט וואס בין איך ערגער פון יענעם בעל חוב וואס זיצט אין דעם און דעם געוויסן נומער זייער ארענטליך און באקומט עסן כיד המלך און איך אריםאן ווער דא נעבאך אזו פאר שווארצט ביז גאר. ענטפערט אים דער פקיד דוא שוטה איינער וויא אזו פערגלייכסטו זיך צו יענעם ער האט גינומען געלט אויף האנדיל און האט גימיינט געווים אוועק צוא געבין נאר ווען אים האט

גיטראפין סבות און האט אן גיווארין וועט קען זיך אויס היטין פון סבות און וואס זאל ער איצטער טאן. אבער דוא הולטאיי דוא האסט דאך לכתחלה גיצערט אין אכסניא און האסט גיגעסין כל מעדני מלכים בעת דו האסט אליין גיוואוסט קלאר אז דוא קענסט ניט באצאלן. ווען מען פאר מאגט ניט דאן לעבט מען דורך מיט ברויט און מיט וואסר און ווייל דוא האסט דאס דאמאלסט ניט גיוואלט עסין דרום מוזטו דאס ווערין עסין איצטער און מוזט גינוג ליידין דאפיר. דיא מעשה דר פון איז אזו. די חכמים ז"ל דרשנן אויף די ווערטער פון מיכה ואשר הרעותי דאס הקב"ה אליין איז מלמד זכות אויף דעם בעל עבירה ווייל ער האט באשאפין אזו אשווערן יצר הרע. און ער פר פירט אים ער זאל עובר זיין אויף תורה ומצות. נאר דאס איז אלין גירעט ווען מען איז עובר אויף איין מצוה וועלכע הקב"ה האט גיבאטין און מחייב גיוועזין דעם מענטשן דאס ער מוז דאס טאן. דאן קען מען זיך פר ענטפערן מיין רצון איז גיוויס גוט גיוועזן צו בעצאלן אלע שולדין צו הקב"ה נאר וואס קען איך זיך העלפין ווען מיר האט באגעגינט אסבה. דאס הייסט דר יצר הרע האט זיך גשטארקט אנטקעגן מיר. אבער ווען מען ברייננט זיך אליין אריין לכתחלה אין איין חיוב פון אנדר און מען איז ניט מקיים דאס הייסט מען פאר לאנגט גוטע גירעכטין בשעת מען ווייס קלאר אז מען איז זייער ארעם און הלואי זאל מען קענן מקיים זיין וואס די תורה האט גיהייסן. אין דעם פאל איז שוין דר מענטש אליין איין בעל עולה און דרום איז הקב"ה אויף אים ברוגז. אז דר פסוק זאגט דא לא יחל דברו ער טאר ניט פר שוועכין דעם ווארט וואס ער האט זיך זעלבסט מחייב גיוועזין צו טאן דאס גלייכין אין דיא איבעריגע פסוקים פון ענין נדר ווערט אלץ דר מאנט דאס ווארט פיך. שפתיך. קולך כלומר ווייל דוא אליין מיט דיין מויל האסטו אויף זיך מקבל גיוועזן דרום

וועט

וועט מען דיר ניט נושא פנים זיין אויף איין האר. איצונד וועלין מיר זיך קערין צו דיא פראגע פון ספרי אויף דעם פסוק ויי יסלח לה מיט דעם אופן. ווען דער חטא וואלט נור גיוועזין מחמת זיא האט ניט מקיים גיוועזין איר נדר דאן וואלט רעכט גיוועזן דר תירוץ דאס דער פאטער האט איר דאך מתיר נדר גיוועזין. אבר וויא מיר האבן איצונד באוויזן איז דאך דער הויפט זינד פון דעם וואס איז ניט מקיים קיין נדר נאר פאר וואס ער האט זיך גאר לכתחלה אריין גיבראכט אין אחיוב נדר. אם כן אפילו ווען דער פאטער האט איר פר שטערט דעם נדר אונ זיא דארף שוין ניט מער מקיים זיין. דאך מוז זיא בעטין ביא גאט ב"ה ער זאל איר פאר געבין דעם זינד וואס זיא האט זיך גאר פון אנפאנג אן איין נדר גיטאן. דא- זאגט אונז דיא תורה ויי יסלח לה כי הניא אביה אותה עס טייטש האטשע דר פאטער האט איר מתיר נדר גיוועזן דאך מוז זיא מתפלל זיין צו השי"ת אונ בעטן פון אים סליחה ומחילה. ווארום זיא האט פאר זעהען אונ לכתחלה גינומען אויף זיך איין חיוב פון אנדר׃

נקום נקמת בני ישראל וגו' וידבר משה וגו' נקמת יי׳ במדבר דר מדרש שרייבט הקב"ה האט גיזאגט צו משה נקמת בני ישראל היינו די נקמה וועלכע דוא וועסט איצונד נעמען פון דאס פאלק מדין הייסט דאס פר אייער היזק. ווייל זייא האבין גורם גיוועזין דאס איך זאל אייך שטראפין אויף דאס וואס איר זייט דורך זייא גישטרויכילט גיווארן אין דעם זינד פון דיא עבודה זרה בעל פעור. רופט זיך אפ משה רבינו ע"ה רבונו של עולם ווען מיר וואלטין גיוועזין כופרים גלייך מיט זייא וואלטין דיא מדינים אונז גאר ניט פיינט האבן. נון איז דאך זייער גאנצע שנאה מער ניט צו ליב די תורה ומצות וואס דוא האסט אונז גיגעבין. דרום הייסט דאס נקמת יי׳ (דיין נקמה). אין וואס עס איז בעשטאנן דר וכוח פון השי"ת בביכול מיט משה וועלין מיר דר קלערין מיט

איין משל. איינער איז אריין אין איין ווייןהאנדיל קויפין איינע פלאש טייערע וויין. דר קרעמר האט אוועק גישטעלט אויף דעם טיש פיל יענער האט גיפאדערט. אין דעם איז גיגאנגען איינער איין שכור ער האט גיטאנצט אונ גישפרונגן ביז וואנען ער האט צו בראכן די דאזיגע פלעשר איז דר קרעמער גיווארין אין כעס אונ האט דיזין שכור אן גיהייבין שלאגין מכות אכזריות. דער קונה שטייט דר ווייליע וויא צו מישט אונ קלערט ציא שלאגט ער אים פון איינע נקמה וועגן ווייל ער רעכינט דעם שאדין אויף זיך זעלבסט אדער ניין ער מיינט אז ער דאס הייסט דר קונה זאל דר פאר באצאלין. אונ ער שלאגט אים נור צו ליב נקמה פון דיזען קונהס וועגין. וואס האט ער גיטאן ער האט צו גישיקט דעם קרעמערס איין קליין קינד אונ זאגט פאטר ווארום שלאגסטו אזו דעם מענטשין. אונ אז ער האט גיענטפערט דו זעהסט דען ניט דעם גרויסין היזק וואס דר שכור האט אן גיטאן דיזען פרעמדין מאן. דאן האט ער שוין גוט פאר שטאנען אז ער מיינט נור אים. דא האט ער אים אויף געפאדערט צו אדין תורה איז דר פסק בית דין אזו ארויס. אויב דער קונה האט מיט געבראכט דעם שכור דא אין קראם אריין איז דאס נעווים זיין היזק. אבער אויב דער שכור איז גאר אשייכות צום קרעמער דאן איז דר היזק אויך שייך צו אים זעלבסט. די כוונה פון מדרש איז אויך אין דעם אופן. משה ע"ה האט גוט גיוואוסט דאס די מדינים מוזין גישטראפט ווערן דען זייא האבן דאך גורם גיוועזין איין זינד פר ישראל. נור דאס האט ער ניט פר שטאנען צי דאס איז ווייליע דורך זייא בעדארפן נאך די אידין ליידן איין עונש אז פינחס מיט די נשיאים האבן גזאגט אין יהושע המעט לנו את עון פעור אשר לא הטהרנו ממנו עד היום הזה עס טייטש איז דען ווייניג פר אונז דעם זינד פעור דאס ביז היינט זיינען מיר נאך ניט ריין דר פון על כן וועט די נקמה

זיין נור פון זייערט וועגן. אדר ניין די ישראל זיינן איינגענטליך שוין גאר פטור דר פון. אונ די נקמה פון מדין איז מער ניט צו ליב דעם הייליגין נאמען פון הקב"ה דאס ער איז פאר שוועכט געווארן דורך די רשעים די מדינים ווייל זייא האבן געמאכט זינדיגן די ישראל. אונ וויא ער האט דר הערט פון הקב"ה דיא ווערטער נקום נקמת בני ישראל היינו די נקמה איז נור צו ליב דיא קינדער ישראל. כלומר ווייל דר היזק איז אויף זייער רעכענונג דען זייא האבן געליטין אונ וועלין נאך ליידין דר פון. האט משה אן געהייבין טענען די לייטין זיינן דאך אונז שונאים נאר מחמת מיר האלטין דיין תורה הקדושה. אם כן זיינען די שבורים שייך צו דיר ניט צו אונז ממילא איז דר היזק אויף דיין רעכענונג כביכול אונ דרום דיא דאזיגע נקמה בעדארף גאר הייסין נקמת ה' איין נקמה פון גאט ב"ה וועגין :

נקום וגו' אחר תאסף אל עמך עס טייטש הקב"ה זאגט צו משה רבינו ע"ה נעם נקמה פון מדין נאכהער וועסטו איין געזאמילט ווערין צוא דיין פאלק. דער מדרש שרייבט משה האט געבעטין ער וויל זעהן מיט זיינע אויגין דיא נקמה פון מדין. האט הקב"ה אים דאס געטאן. אויף אים ווערט געזאגט דר פסוק פון תהלים ישמח צדיק כי חזה נקם משה דר צדיק האט זיך געפרייט צו זעהען אנקמה אויף מדין. עס איז נייטיג רעכט צו מאכן ווארום האט זיך דאס משהן אזו געלוסט נקמה נעמן פון זייא בפרט עס איז גאר ניט אזו געוועזין זיין געוואוינליכע מדה אפילו אנטקעגן די רשעים. דאס וועט מתירץ ווערן מיט איין משל. איין גביר האט געהאט אזון אגרויסער שכור. דר פאטער פלעגט פון אים ליידין גרויסע בזיונות אונ וואס האט מען פארט ניט אויס געטאן סגולות. עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפן. ויהי היום האט זיך איינער אדאקטער איין וויכטיגר חכם אן גינומן אים צו העלפין דר צו ביז איין געוויסע צייט. ער האט געטאן מיטלען אונ אים איין געגעבין רפואות אונ זאגט ער קען זיין זיכער מיט אים דאס ער וועט שוין געוויס מער ניט טרינקען אונ אויך ניט קענן אפילו קוקין אויף קיין שום משקה שבעולם. נאר פון אלס דינג וועגן האט זיך דר פאטער געהיט עס זאל ביי אים אין שטוב ניט אריין קומען קיין משקה. נון עס גייט אוועק עטליכע טעג אונ דר זון דר מאנט גאר ניט קיין בראנפן. דיא שמחה איז געוועזן אן אשיעור פון דעסט וועגין ליתר בטחון האט דר פאטער געמאכט אפראבע ער דר לאנגט אים געלט מיט אפלאש אונ זאגט צום זון ער זאל גיין ברייגען בראנפין. וויא ער האט אריין געטראטין אין שיינק אונ האט דר זעהן משקה האט דאס אים זייער פערעקילט. עס איז אים שרעקליך ניט גוט געווארין אונ פר כעס האט ער אן געהייבין צו ברעכין די אלע פלעשער משקה ער האט אן געמאכט דארטין גרויס היזק. דר שיינקער איז אריין געלאפין מיט אגוואלד צום גביר אונ דער ציילט אים זיין אונגליק וואס ער ליידעט צו ליב זיין זון. ער זעט אבער דאס דר פאטער אונ מוטער זיינען געווארין מלא שמחה דר פון האט ער נאך מער גינומן לארעמן אונ זאגט מיט גרים צארין. איז דען רעכט דאס מיין גרויס לייד זאל ביי אייך זיין איין פרייד. רופט זיך אפ דר גביר צו אים זארג גאר ניט. דיין שאדין וועל איך דיר אומקערין אונ אונזער שמחה בעשטייט נור אין דריין ווייל דער פון ווייסין מיר שוין ריכטיג וויא ווייט אונזר קינד איז פון שכרות דאס אפילו דיא מראה אונ דעם ריח פון משקה קען ער שוין אויך ניט ליידין אונ דאמיט זייגען מיר שוין גוט זיכער דאס ער וועט געמאלט דיא מדה רעה ברויכין נון וויא אזו זאל'ן מיר זיך איצונד דאמיט ניט פרייען. דער נמשל איז משה מיט די קינדר ישראל. דען די ישראל זייגען נכשל געווארן דורך מדין אין זנות אזו אחטא וועלכין פון אייביג אן זיינן זיי געוועזן דער פון אפ געהיט. וויא מיר געפינען אין מצרים איז אויף זייא געזאגט געווארין דער

פסוק פון שיר השירים גן נעול אחותי כלה וגו׳ דאס הייסט זייא זיינן גיוועזן פר שלאסן פון תאות זנות. אויך זאגט די גמרא אין מסכת יבמות ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן זאגט זיי זיינן גישטאנען אויף דעם בארג סיני האט זיך פון זייא אפ גיטאן דיא קליפת התאוה וועלכע זייא ווערט גירופין מיט דעם נאמען זוהמא. אונ איצונד דאס איבער דעם פאר פלוכטין חטא זיינן אוים גישטארבן פיר אונ צוואנציג טויזינט מענטשין פון ישראל דורך מגפה. דרום האט הקב״ה דער רופא חכם פר שריבין דער צו איין רעצעפט וויא אוים צו וואורצלען די מאוסה תאוה ביז גרונט. וויא עס שטייט אין פרשת פינחס צרור את המדינים והכיתם היינו אידין זאלין נאך טראגין אויף מדין איין אייביגע שנאה אונ אוים ראטין זיי. אונ דר גוטער פריינד משה רבינו ע״ה האט גילוסט צו זעהן פאר זיין לעבן איין געוויסע פראבע דר פון. היינו אויב די ישראל וועלן די משקה ממאס זיין אונ די פלעשר אויך צוא ברעכן. כלומר זייא וועלן בשעת די מלחמה מיט מדין די נקבות אויך אומברייננגן דאן איז אקלארער סימן דאס זייא זיינן גיווארין רעכטע בעלי תשובות. (אונ דרום אז זייא האבן די נקבות גילאזט לעבן וואס דאס איז גיוועזן איין בעוויז דאס זייא זייגען נאך ניט ריין דר פון אין גאנצין איז ער זייער גיווארן אין כעס. אז עס שטייט ווייטער אין דער פרשת ויקצוף משה וגו׳ החייתם כל נקבה) אונ ווייל משה רבינו ע״ה האט גיהאפט דאס די ישראל וועלין טאן וויא גיהעריג איז דרום האט ער גילוסט צו זעהן דיא נקמה אויף מדין וואס גיבער אום זיך צו פרייען דר פון. אזוי וויא דר מדרש ברייננגט אויף אים דעם פסוק ישמח צדיק כי חזה נקם:

## הפטרת מטות

מקל שקד וגו׳ היטבת לראות כי שוקד אני על דברי לעשותו. דאס טייטש דר נביא ירמיה זאגט איך זעה בנבואה איין מאנדיל שטאק ענטפערט גאט דוא האסט גוט גיזעהן דען איך וועל איילין צו ברייננגן פורעניות (דען שקד האט צוויא טייטשין. מאנדיל אויך איילין). וויא אזוי גיך ברייננגען פורעניות איז אטובה פארשטייט זיך בדרך רמז. ווען מען רייסט אראפ איין פרי פאר דיא צייט האט דאס קיין קיום ניט. דרום אטובה גידויערט בעפאר השי״ת ברייננגט כדי עס זאל ארוים קומען פאלקאם דאן וועט דאס אקיום האבן אויף אלאנגע צייט. אבער איין רעה חלילה שיקט השי״ת וואס גיכער פאר די צייט כדי זיא זאל ניט פר בלייבן דויערהאפטיג. וויא עס שטייט ווייטער אין ירמיה הנני שוקד עליהם לרעה ולא לטובה איך וועל איילין צו ברייננגן בייזעם אבער ניט גוטעם. אויך זאגין די חכמים אין מסכת גיטין ווען ה׳ו הקב״ה וואלט זיך ניט מקדים גיוועזן מיטין גלות צוויא יאר דאן וואלטין די ישראל חלילה קיין תקומה גיהאט. דרום זאגט הקב״ה גאנץ רעכט היטבת לראות וגו׳ כלומר דאס וואס איך וועל זיך אונטער איילין מיט דיא פורעניות דאס איז אגרויסע טובה. וויא מיר האבין ערקלערט:

זכרתי לך חסד נעוריך וגו׳ קדש ישראל לה׳ וגו׳. דר מדרש במדבר שרייבט. דיא ישראל זייגען גיגליכן צו זאמד דען אזוי וויא איין הויפין זאמד אין פיל טייג ווערט דער פון איילינ דיא צייגער אזוי אויך דר וואס רויבט די ישראל בעולם הזה וועט איילינ ווערין זיינע צייגער לעולם הבא ווייל זייא זייגען היילינ. וויא דער פסוק זאגט קדש ישראל לה׳ וגו׳ כל אוכליו יאשמו רעה תבוא אליהם דאס טייטש די ישראל זיינן היילינ ביא גאט דיא וואס פאר דארבין זייא וועט טרעפין איין אונגליק. דר מאמר פאר שטייט זיך מיט איין משל. איין רב האט גיהאט אגוטין זון האט ער גיטאן אשידוך מיט איין רייכין ישובניק זייער אפראסטער מענטש. וויא דר בן הרב איז אן גיקומען צו דעם שווער אין הויז איז ער אויך גיווארן גלייך אז דר ישובניק. אז דר פאטער האט זיך דאס דער וואוסט האט ער תיכף גישיקט אונ האט אפ גינומען דעם זון צו זיך. איז גיקומען דר מחותן טענן צום רב וויא אזוי פארט מאכט ער אן אפירוד צווישין די פאר פאלק אונ וואס פאר אשולד האט ער ווען זיין זון וויל זיין אנגראבער מענטש. האט אים דר רב גיענטפערט. דוא זאלסט וויסין זיין. מיין קינד איז גיוועזן

רייץ

ביא מיר אין הויז אנרויסער מתמיד אין לערנן אונ זייער ארעל. אונ ווייל ער איז ביא דיר אויפין דארף גיוואורן אזו פר דארבין פר שטייט זיך אז דער שולד ליגט נור אין דיר. ניט אין אים זעלבסט. דאס גלייכן לעתיד לבוא וועט הקב"ה שטראפין די שרים פון די היידין אויף די זינד פון די ישראל אונ אז זיי וועלין טענן וואס זיינען מיר שולדיג אז אידין האבן גיזינדיגט וועט הקב"ה ענטפערין זכרתי לך חסד נעוריך וגו' דאס הייסט איך גידיינק דאך וויא שיין אונ גוט זייא זיינען גיוועזן אין דר יוגענט בשעת זייא זיינען גיגאנגן אין דער מדבר מיט גרויס בטחון אין מיר. קדש ישראל ליי וגו' ווייל באמת זיינן זייא גאר הייליג. נאר דער שולד ליגט נור אין אייך דען איר מיט אייערע בייזע גזירות האט איר זייא גיבראכט צוא אלעם בייז. דרום כל אוכליו יאשמו די אלע ווילדע אומות וועלכע זייא האבן פרצייטין זייא פר דארבין וועלין פר שולדיגט ווערין איבר די זינד פון ישראל רעה תבוא אליהם דאס בייז פון ישראל וועט אויף זייא קומען נאם יי אזו שפריכט גאט:

# פרשת מסעי

אלה מסעי בני ישראל וגו' ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי יי ואלה מסעיהם למוצאיהם עם טייטש דא איז באשריבן דיא גאנצע רייזע פון דיא קינדר ישראל אין דער מדבר פון מצרים ביז דעם ירדן. אונ משה האט פר שריבן זייערע הערוים גאנגן צו זייערע ציהונגן דורך גאטס באפעל אונ דיזע זיינען זייערע ציהונגען צו זייערע הערוים גאנגען. דאס רוב מפרשים פרעגין אויף דעם אריכות הלשון. אויך ווארום אין אנפאנגס פסוק שטייט מוצאיהם למסעיהם. אונ תיכף נאכהער שטייט שוין פר קערט ואלה מסעיהם למוצאיהם. דער תירוץ איז מיט איין משל. איינער אנגיד האט גיהאט צווייא זין. ויהי היום בשעת ער האט גיטאן איין שידוך מיט זיין עלטערן זון אונ האט איין גילייגט זיינע נדן האט דר אינגערר זון זיך פאנאנדר גיוויינט פר וואס מען גיט פאר אים ניט קיין נדן. רופט זיך אפ דר פאטער מיין קינד. אים איז שוין צייט חתונה צוא מאכן אבר דו ביסט נאך צו יונג. נאר דאס פר זיכער איך דיר דאס אלעם וויא איך גיב אים זייא געלט זייא קליידר אונ תכשיטים אונ אלע קאסטין די זעלביגע וועל איך דיר אויך געבן צו דיין חתונה. דאהער זאלסטו פון איצונד אן צייכענען דיא אלע הוצאות וואס דיין ברודר וועט מיר קאסטין ביז נאך דר חתונה. אונ וויא עס וועט קומען די צייט פון דיין חתונה דאן וועל איך דאמאלס קוקין אין דיין רייסטר אונ וועל וויסין מיט דיר וויא זיך נוהג צו זיין. ער האט גיהיט דעם פאטערס באפעל אונ אזו גיטאן. עס איז גיקומען נאהענט צו דעם ברודרס חתונה מיט אמאל די קליידר זיינען גיגנבת גיווארין. מען האט גימוזט וואס גיכער באשאפין פון דאס נייא אגאנצע גארדעראבע קליידר. נון ווידר איין אונגליק דיא גארדעראבע איז ווייטער פאר חאפט גיווארין האט דער פאטער גימאכט דריטע חתונה קליידר. קוים מען האט זוכה גיוועזן עס זאל שוין זיין נאך דער חתונה. דאמאלס האט זיך דר חתן פאנאנדר גירעט מיטין מחותן אונ פאר זיין ברודר די טובות אונ חסדים וואס דר פאטער האט אנטקעגין אים גיטאן אונ די פיל געלט וועלכע ער האט אויס גישאטין אויף זיינע קליידער דען דורך דר סבה וואס די ערשטע קליידר זיינן גיגנבת גיווארן האט מען געמוזט אימער אנדרע אפ מאכן. רופט זיך אפ דר אינגערער ברודער דוא זאגסט ניט ריכטיג. בעסער זאג אזו צו ליב די סבה ווייל מען האט גיוואלט דאס מען זאל אנדערע אפ מאכן דרום זיינען די ערשטע גיגנבת גיווארן. זאלסט וויסין זיין דאס איך זעלבסט האב בכיון אן גישיקט דיא גנבים אום איך זאל קענען פון פאטער ממציא זיין וואס מער צו דער צייט פון מיין חתונה. וועדליג זיין הבטחה דאס איך זאל פר שרייבן אלע קאסטין וועלכע ער לייגט אויף דיר אונ די זעלביגע וועט ער זיך לאזין קאסטין אויף מיר. נעם לייען מיין טאשין ביכיל וועסטו זעהען וויא דיא אלע יעניגע גיגנבתע בגדים שטייען ביא מיר פר נאטירט מיט די מקחים.

דער

דר ענין דר פון איז אזוי. עס איז קשה דיא ישראל בשעת זייא זיינען ארויס פון מצרים האבן זייא פאר זיך איינגענטליך געהאט איין גלייכע און קורצע וועג אריין צו גיין אין ארץ ישראל. היינו דורך די לאנד פלשתים. טוא ווארום האט הקב"ה באדארפט זייא פירן ארום און ארום איבער דעם ים סוף און ווייטער אין דער מדבר דאס איבער דעם זיינען די ישראל שוין נייטיג געוועזן צוא פיל נסים ונפלאות. בפרט וויא עס איז ידוע זוכט אימער די השגחה פון בורא יתברך וויא ווייט מעגליך איז בעסער אויס צו קומען מיט די הנהגה על פי דרך הטבע בכדי צו פאר שפארן נסים וואס דאס איז טאקע באמת געוועזן אסבה צוא כמה מחלוקות און קריג אנטקעגן די השגחה. אז דער פסוק זאגט אין תהלים אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך לא זכרו את רוב חסדיך וימרו על ים בים סוף כלומר אונזערע עלטערן האבן ניט פארשטאנען צו וואס עס איז נייטיג דיא אלע וואונדער. דרום וויא זייא זיינען געקומען צום ים סוף זיינען זייא געווארן שוואך אין אמונה. דיא מעשה איז אבער עס איז אלעס נייטיג געוועזן אלס התחלה צו די שפעטערע צייטן ווייל הקב"ה האט באטראכט דאס לימות המשיח וועלין אידין יוא נייטיג זיין צו דיא אלע נסים וויא עס איז געשריבן אין מיכה כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות און קיין זכות וועלן זייא ניט האבן דאמאלס דער צו. דרום האט ער זיי פאר זארגט פאר אויס אין די צייט ווען זיי זיינען געוועזן גינוג רייך אין זכות מיט התגלות השכינה. בדמיון מען לייגט אפ פאר אטאכטער נדן אין איר קינדהייט ווייל מען רעכינט זיך פיליכט אין אירע דר וואקסענע יארין וועט מען ניט האבן. נמצא איז אלס דינג וואס נור עס האט זיך פאסירט אין דר מדבר מיט דיא ישראל איז דער הויפט קוק געוועזן אויף די צייט פון די גאולה שלימה. וויא דר ילקוט בשלה שרייבט מפני מה הסב אלא כדי לעשות להם נסים וגבורות עס הייסט ווארום האט

גלייך דורך די פלשתים אלא כדי ער זאל איצונד טאן מיט זיי נסים וגבורות וועלכע עס וועט זיין איין פעולה אויף דיא לעצטע צייטין. די כוונה זאגט אונז די תורה ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה' משה ע"ה האט פר שריבין אלעס וואס נור זיי האט גיטראפן אין זייערע ציהונגען אין דער מדבר דורך גאנטס באפעל (און מוצאיהם איז פון דעם שרש מצא טרעפין) און כדי מען זאל ניט מיינען דאס אלעס האט זיי גיטראפן נור אויס הוילן צופאל צו ליב דעם וואס זייא זיינען דארטין גיגאנגען אין יענע ערטער. דרום שטייט ווייטער ואלה מסעיהם למוצאיהם היינו מען זאל וויסין דאס אלע זייערע ציהונגען זיינען געוועזן מיט אכוונה אסבה אדרבה כדי עס זאל זייא טאקי טרעפן אלעס וואס זייא האט דענסטמאל גיטראפן:

נאך אפשט ויכתוב משה את מוצאיהם וגו' עס ווערט ערקלערט מיט אקלוגין משל. איינער האט גינומען די צווייטע ווייב. און איין בן יחיד האט ער געהאט פון דיא ערשטע ווייב וועלכער ער פלעגט זייער פיל ליידין פון דיא שטיף מוטער דאס ער פלעגט ממש צייליך דיא טעג כדי פון איר שוין פטור צו ווערין. מיט דער צייט האט זיך גימאכט דאס דער פאטער איז גיפארין האנדלען און האט אן גיטראפן איין גליקליכן שידוך פאר זיין זון. וויא ער איז גיקומען צו פארין אהיים האט ער תיכף גידונגען אפור מען האט זיך איין גיפאקט און איז אוועק גיפארין מיט דעם זון אויף חתונה. פארענדיג אין דער וועגינס פלעגט דער בחור אימער פרעגין ביא דעם בעל עגלה פיל מייל איז מען שוין אפ גיפארין פון דר היים און דר פאטער פלעגט אדרבה פרעגן וויא פיל מייל מען האט נאך צו פארן צום מחותן. דעם בעל עגלה איז דאס זייער קשה געווארן ווארום זיינען זייערע שאלות פר שיידין. זאגט דר פאטער צו אים איך וועל דיר ערקלערין. מיין קינד האט נאך ניט גיזעהן די גליקליכע הויז וואו הין איך וויל

צרות וועלכע ער האט גיליטן אין מיין הויז פון זיין שטיף מוטער דיא ארורה אונ ביא אים איז רעכט וואו עס איז אן צו קומען נור פון איר צו אנטלויפן דרום פרעגט ער אימר רעכט פיל מען איז אפ גיפארין. ער מיינט וויא ווייט איז ער שוין פון זיין שטיף מוטר די חיה רעה. אבר מיין וואונש איז דר עיקר איך זאל אים ברייננגן צו זיין מחותן וייל איך וויים וואס פאר אגליק שידוך דאס איז פאר אים. דאהער בין איך גירעכט ווען איך פרעג דיר אימער פיל מייל מיר האבין נאך צו פארן ביז וואנן מיר זאלן קומען צו אים. דאס גלייכן דא. משה רבינו ע"ה האט משיג גיוועזין ריכטיג דיא קדושה וטהרה פון דיא הייליגע לאנד ארץ ישראל אונ וואס פאר אפאסיגער שידוך דאס איז פר דיא קינדער ישראל איין גליק פר זייא הן בגוף הן בנשמה דריבער שטייט ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם דאס טייטש משה האט בעשריבין די גאנצע רייזע פון די קינדער ישראל וייל זיין הויפט כוונה איז גיוועזין דיא הייליגע לאנד אין וועלכע זייא וועלין אין איר ארייין ציהען. ואלה אבר די דאזיגע קינדר ישראל וייל זייא האבן ניט גוט פאר שטאנען דיא מעלות פון ארץ ישראל נייערט זייא האבן דער הויפט גיוואלט פטור ווערן פון די שטיף מוטר דאס הייסט די שווערע ארבייט וועלכע זיי האבן גיליטן אין מצרים דרום שטייט מסעיהם למוצאיהם זיי האבן בעשריבן זייער רייזע אום יעדר מאל צו וויסן וויא ווייט זיי זיינן שוין פון דעם ארט דאס זיי זיינן ארוים גיגאנגן כלומר פון מצרים:

## הפטרת מסעי

מה מצאו אבותיכם בי עול כי רחקו מעלי וילכו אחרי ההבל ויהבלו דאס טייטש הקב"ה זאגט צו דיא ישראל וואס פר אונרעכט האבן אייערע עלטערן גיפונען אין מיר דאס זייא האבן זיך ערווייטערט פון מיר. אונ זייא זיינען גיגאנגן נאך ניכטיגקייט דרום זיינען זייא גיווארין צו ניכטש. מען מוז וויסן דאס הנם וואס נור עס מאכט זיך מיט איין

אבער דאס איז גירעדט ביא טובות דען רעות הייסט דאס דר מענטש אליין טוט זיך ווייל דאס קומט אויף אים ממילא דורך זיינע בייזע מעשים. וויא דר נביא הושע זאגט אונז אין דעם נאמען פון גאט ב"ה שחתך ישראל כי בי בעזרך פרדארבונג אונ רעות זיינן שייך צו דיר ישראל. אונ צו מיר זיינען נור שייך די הילף אונ די טובות וועלכע דיר טרעפט. למשל אקראנקער ווען ער זאל עסין די בעסטע מאכלים פילט ער דעריין איין איבעלען טעם אונ אביטערקייט. נון פר שטייט זיך דאס ניט דר חסרון איז אין די מאכלים נייערט אין אים זעלבסט ווייל די גדערים אדר די איבריגע אברים זיינע זיינן פר דארבין. די זעלביגע מוסרט אונז אין די הפטרה דר נביא ירמיה אין דעם נאמן פון הקב"ה מה מצאו וגו' כלומר ווען אייערע עלטערין זיינן ווייט גיווארין פון מיינע טובות איז דען דיא סבה גיוועזן פון מיר כביכול. ניין די סבה איז נור גיוועזן וייל זיי זעלבסט זיינן נאך גגאנגן נאך די נישטיגע מעשים אונ דאס געטציין דינסט דרום האט זיך פון זייא אויך גאר נישט אוים גילאזין:

תיסרך רעתך וגו' ודעי וראי כי רע ומר עזבך את יי אלהיך ולא פחדתי אליך. די הייליגע תקירה ספרים שרייבן דאס די בעסטע מוסר איז ווען מען זאל בעטראכטן יעדער אין זיין אופן די פריילעכקייט אונ די צו פרידענהייט וואס מען פילט ביא זיך נאך אמצוה ומעשים טובים. פר קערט אבער וויא שאגט דאס דר געוויסין אונ וויא גיפאלן ווערט מען ביא זיך זעלבסט אין די אויגן נאך איין אום גירעכטיגע מעשה בפרט נאך ארעכטע עבירה חלילה. דאס כמעט איטליכר פושע ישראל אפילו האט אויך חרטה תיכף וויא ער טוט אפ איין אונרעכט. נאר וואס זאל ער טאן ער איז פאר שכורט אין תאוות היצר הרע אונ פר געסט אונ טוט ווייטר די זעלבע. דאס איז דר וויכטיגסטר מופת וויא גוט אונ רעכט עס איז צו טאן וואס רעכט איז אונ וויא זייער שלעכט עס איז ווען מען טוט אונרעכט חלילה. דאס מיינט דר פסוק תיסרך רעתך וגו' ודעי וראי כי רע וגו' היינו וייל נאך איין עבירה פלאגט דיר דיין אייגענר גיוויסן. דר פון קענסטו לייכט פר שטיין ווי ווייט שלעכט אונ ביטר עס איז ווען דו פר לאזט דאס יראת שמים ולא פחדתי אליך כלומר די בעטראכטונג אליין איז שוין גאנץ גענוג פרום צו ווערן אונ ברויכט שוין